ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# קדושת ישראל כהלכתה
# הלכות יחוד השלם

אידיש

**580**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

ספר

# קדושת ישראל

והוא

# הלכות יחוד השלם



**איסור יחוד איז א טייל פון איסור ג"ע, און לויט אסאך פוסקים דארף מען זיך לאזען הארגענען כדי נישט עובר צו זיין** (שו"ת טוטו"ד סי' קצ"ב ועוד).

**דער וואס איז נישט באקאנט אין הלכות יחוד וואס ווערט געברענגט אין דעם ספר אהנע צוויפעל אז ער ווערט נכשל אסאך מאל אין דעם הארבען איסור פון יחוד.**

אפילו מען איז נישט געשטרויכלט געווארן אין קיין שום איסור און אפילו מען האט נישט געהאט קיין שום בייזע געדאנק בלויז פארען זיין מיט יחוד איז ער שוין באגאנגען א איסור פון די תורה (ע' יג אות ב').

●●●●

צדיקים האבען זיך מוסר נפש געווען בפועל נישט צו באגיין איסור יחוד (ע' י"ד אות ד').

●●●●

די גרויסע חכמים פלעגן בעטן די תלמידים מ'זאל זיי אויסהיטען פון יחוד פון די אייגענע טעכטער, נאר כדי צו ווייזען פאר די תלמידים אז מען טאר זיך נישט שעמען (רמב"ם סוף ה' א"ב).

**יחוד איז דער גרעסטער גורם צו שטרויכלונגען** (רמב"ם סוף פכ"ה מ"ה איסורי ביאה).

בעזהי"ת

# ספר

# קדושת ישראל

והוא

# הלכות יחוד השלם

● ליקוט גדול המקיף כל דיני יחוד מדברי הפוסקים ראשונים ואחרונים הנוגעים לכל יהודי מאיש ועד אשה, מקטן ועד גדול.

● עוד בו אוסף אנקי של עשיריות דוגמאות מהמציאות היום יומית שנכשלים באיסור יחוד, והדרכות האיך להתנהג בבית ובמקום עבודה, ואצל הרופא ובביקור אצל קרובים ועוד.

● **מי שאינו בקי בדינים המבוארים בספר הלזו ברור ומוחלט שמוכרח במשך הזמן להכשל בלי שיעור פעמים באיסור יחוד החמור כמבואר בפנים.**

● **ידוע מה שכתבו הפוסקים כי יחוד היא אביזרייהו דג"ע ולדעת הרבה פוסקים הוא ביהרג ואל יעבור** (שו"ת טוטו"ד מהדו"ק סי' קצ"ב ושו"ת שם ארי' סי' ל"ה ובספר פסקי תשובה סי' ע"ה בהערה).

כ"ז לקטתי בעזר צורי וגואלי מדברי חז"ל בש"ס בבלי וירושלמי, מדרשים זוה"ק תיקונים וספרי הראשונים, ומספרי מוסר מגדולי האחרונים זללה"ה, ודבריהם הקדושים חוצבים בלהבת אש, מלהיבים נפש האדם לשמור מאד לברוח ולהסתלק אפילו מן הספק, כאשר יראה הרואה בפנים הספר.

תקותי כי דבריהם הקדושים יעשו רושם בלבות בני ישראל, וזה יהי' פרי עמלי להסיר המכשלה הזאת מבתי בני ישראל בכל מקום שהם.


הו"ל בחמלת ד' עלי בזכות אבותי ורבותי הק' זי"ע

**הק' שלום יודא גראס**

רב דקהל „מגן שאול" ד„האלמין" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי'" „מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"

# מכון להוצאת
# ספרי יהודה וישראל



שע״י ישיבה וכולל בית ישעי׳
,,מכון להוראה בשחיטות ובריקות״
בנשיאות הרה״ג מוהר״ר **שלום יודא גראס** שליט״א
אברק״ק האלמין בעמ״ח ספרים רבים ונבברים.

## אן אוצר אין א אידישער שטיב
### אני מבקש שתשלחו לי הספרים הנרשמים:

✡ ✡ ✡

**סך הכל**

☐ **נפש ישעי׳**

על מאכלות אסורות, **בלה״ק ואנגלית,**
525 ע׳ .......... **$12** ______

☐ **שו״ת זבחו זבחי צדק**

על הל׳ שחיטה ובדיקה, **בלה״ק**, עם קו׳ **שמחת שלום** על הל׳ חופה וחתונה, **באידיש,**
96 ע׳ .......... **$4.50** ______

☐ **מנחת יהודה**

על חומר איסור הסעמילאק וחלב עכו״ם, עם קו׳ **מדריך לצניעות, באידיש,**
128 ע׳ .......... **$5.00** ______

☐ **אהלי ישראל**

הדרכות ליושבי באנגאלאס, עם קו׳ **דבר משה** על הרבה מנהגי ישראל, **באידיש,**
128 ע׳ .......... **$4.75** ______

☐ **מנוחת שלום**

הדרכות נפלאות להינצל ממאכלות אסורות, **באידיש,**
128 ע׳ .......... **$4.75** ______

☐ **אפיית המצות השלם**

כרך א׳ (ג׳ חלקים), **בלה״ק,**
520 ע׳ . ........................ **$6.00** ________

☐ **אכילת מצות בישראל**

כרך א׳ (ז׳ חלקים), כולל כל דיני ומנהגי לילי הסדר ונלוה לו כל ה׳ פסח בלשון צח וקצר, **בלה״ק**
192 ע׳ . ........................ **$6.00** ________

☐ **קדושת ישראל השלם**

הל׳ יחוד, עם קונ׳ **מדריך לצניעות בישראל** כל עניני צניעות, מלוקט משו״ע עד אחרון שבאחרונים, **באידיש,**
192 ע׳ . ........................ **$4.95** ________

☐ **אכילת התרנגולים כהלכתה**

ד׳ חלקים, בענין זריקת התרנגולים, מגלה סודות עמוקים של חששות רציניים מאיסור נבילה וטריפה החמורה מאוד שבשבילה עלולים רבבות נפשות הטהורות מישראל להתפטם במאכלות אסורות, עם קו׳ **אור הצניעות בישראל,** וקו׳ **צניעות ישראל כהלכתה, בלה״ק, אידיש ואנגלית,**
160 ע׳ . ........................ **$6.85** ________

☐ **המשפט בישראל כהלכתה**

ביאור מקיף בענין ״דין תורה״ בישראל, עובדות מחרידות, זעקת שוד ושבר מדמעת העשוקים הנעשקים ע״י הבוררים הידועים לשמצה, לגלות פניהם של הצבועים ולפרסם החנפים, וליתן סוף למעשיהם הרעים.

עם קו׳ **ממון ישראל כהלכתה** בענין חומר האיסור והעונש של לקיחת ממון שלא ביושר, ועוד, **בלה״ק,**
64 ע׳ . ........................ **$3.00** ________

☐ **זקן ישראל כהלכתה**

בענין גילוח וגידול הזקן,**באידיש,**
16 ע׳ . ........................ **$1.00** ________

☐ **עניית אמן כהלכתה**

בענין אמירת אמן ויהש״ר, **בלה״ק,**
32 ע׳ . ........................ **$1.00** ________

☐ **מדריך לעניית אמן**

בענין הנ״ל, **באידיש ולה״ק,**
32 ע׳ . ........................ **$1.00** ________

☐ **קול יעקב**

קריאות שונות שנכרזו בעניני פרצות שונות, מיסודי הדת בימינו אלה, בענינים המתרחשים יום יומית, **באידיש ולה״ק,**
32 . ........................ **$1.00** ________

☐ **מצות סת״ם השלם — דיניו ומנהגיו,**

ה׳ חלקים, והוא **מדריך** לכתיבת וקניית ס״ת תפילין ומזוזות, ועוד, **באידיש,**
170 ע׳ . ........................ **$4.75** ________

□ **השבת בישראל כהלכתה**

מבאר כי שמירת השבת הוא יסוד קדושת ישראל, וגודל הפגם והנזק המגיע לנפש וגוף האדם המחלל קדושת השבת ח״ו, ושכר הגדול בזה ובבא המעותד לשומרי שבת, עם קו׳ **שמירת שבת כדת** לקוטי דינים השכיחים להלכה ולמעשה, **בלה״ק,**

112 ע׳ ........................................ **$3.75** ______

□ **מזוזת ישראל כהלכתה**

גילוי ידיעות מבהילות במזוזות המפוזרים בכל קצות הארץ וגם בארה״ב, **באידיש ואנגלית,**

48 ע׳ ........................................ **$1.50** ______

□ **ונאמר אמן — יצחק לשוה**

על קדושת בית המדרש, דינים נחוצים בענין עניית אמן ויהש״ר ועוד, **באידיש,**

224 ע׳ ........................................ **$5.95** ______

□ **ונאמר אמן — עניית אמן כהלכתה**

עם קו׳ **מזוזת ישראל כהלכתה, באידיש, לשה״ק ואנגלית,**

128 ע׳ ........................................ **$4.95** ______

□ **גדולי יצחק מצות ציצית — דיניו ומנהגיו, באידיש,**

64 ע׳ ........................................ **$1.75** ______

□ **חלב ישראל כהלכתה**

ח״ג מספר נפש ישעי׳ על מאכלות אסורות, מבוססת להאיר עיני בני ישראל מציאות המצב בנושא חלב שחלבו עכו״ם ואין ישראל רואהו, במקומות שיש חוק הממשלה לאסור באיסור חמור לבלי לערב משהו מחלב טמא לתוך חלב טהור. בירור המציאות שמערבין חלב טמא בכל מקום. חיבור הנוכחי נחוץ מאוד לכל בר ישראל בכלל לרבנים מנהלים ומשגיחים בפרט. בלה״ק,

128 ע׳ ........................................ **$4.75** ______

□ **שולחן ישראל כהלכתה**

כל דיני הכנסת אורחים, **באידיש,**

64 ע׳ ........................................ **$1.75** ______

**דמי משלוח 7% מהזמנה** ........................................ $. ______

סך הכל ______________________________

**הערת המערכת.** הספרים לא ישלחו בחוצות רק אחרי קבלות המעות בדמי קדימה ולא בהקפה כלל.

השם ______________ הכתובת ______________

העיר ______________ המדינה ______________


**MOSAD BRUCHA TOVA**
**P.O.B. 331**
**Brooklyn, N.Y. 11219**

RABBI S.Y. GROSS
4711-12th Ave.
Brooklyn, N.Y. 11219
Tel.: (212) 436-8086

בעזהי"ת בינ"ו צמ"י עש"ו

# בחוקותיהם לא תלכו
# השמר פן תנקש אחריהם!

ויקרא ב׳ ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי
רש"י אם אתם מובדלים מהם הרי אתם שלי, ואם לאו
הרי אתם של נבוכדנצר וחבריו ותגלו מארץ הקדושה
רח"ל

## די אומגליקען וואס קומען פון „פוטער מאנטלען" און „גאַונס"

עס איז לײדער שטאַרק צעשפּרייט געוואָרען ביי היימישע אידען שומרי תורה ומצוות אַז זיי לאָזען די ווייבער זיך קליידען מיט טייערע פוטער „מאַנטלען" („Fur Coat") עס איז איבריג צו זאָגען אַז נאָך אין דער אַלטער היים אין אייראָפּע איז געווען באַוואוסט ביי אַלע אידען אַז דאָס איז אַ בגד של פריצים, און אַזוי איז געווען אָנגענומען אין אַלע אידישע קרייזען, דערפאַר קלינגט טאַקע אומגלויבלעך, אַז דאָ אין אַמעריקע האָט זיך דאָס רעדעל אַדריי געטוהען און די מאָדע האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו גאַר היימישע אידען, נישט קיין חילוק אָרעם אָדער רייך.

שוין אָפּגערעט פון דעם וואָס עס ווערט פאַרשווענדעט אויסגעהאָרוועטע אידישע געלטער אויף אַזעלכע איבריגע קליידונגען, וואָס מיט דעם געלט האָט מען געקענט מחי׳ זיין צענדליגער אידישע נפשות אין ארצנו הקדושה. וואָס גיין ממש אויס פון הונגער, און קוקען אַרויס נאָך יעדע פרוטה וואָס מען שיקט זיי פון דאַנעט.

וויפיהל הערצער פון חתנים וכלות וואָלט מען געקענט דערפרייען מיט די געלטער, וואָס ווערען פאַרשוועדעט אויף די לוקסוס מאַנטלען? וואָס לײדער איז דאָס נישט קיין זעלטענע ערשיינונג אַז צוליב געלט מאַנגעל ווערען אָפּגעשטופּט חתונות אויף חדשים און יאָרען.

הונדערטער לײדענדע וואָס קענען נישט צוקומען צו די נויטיגע מעדעצינישע הילף און קענען זיך נישט ערלויבען אונטערזוכט צו ווערען דורך פּראָפעסאָרען, וואָס פעלט זיי אויס ממש צו דערהאַלטען דאָס לעבען, אַלעס צוליב זייער געדריקטען געלט מצב.

וויפיל עלטערען מוזען שיקען די קינדער אַרבעטען פריצייטיג און רייסען זיי אָפּ מיט געוואַלד פון דער גמרא, שיקן זיי אַוועק פאַרשוואַרצט צו ווערען ביי דער אַרבעט, ווייל די עלטערען זענען צעבראָכען, און קענען נישט אויסהאַלטען דעם ריזיגען דעפיציט?

וויפיל כולל יונגעלייט האָבען געמוזט צומאַכען די גמרא און גיין אַרבעטען, כדי צו קענען נאָכקומען דאָס לוקסוס שטייגער לעבען וואָס די יודענע וויל נישט פאַרציכטען, וואָס אין דעם נעמט דער „פאר קויט" דעם גרעסטען טייל, פון די טויזענטער דאָלערס וואָס מ'באַצאָלט פאַר אַ „פאָר קאויט", וואָס פון דעם געלט וואָלט אַ כולל יונגערמאַן געקענט זיך אויסלעבען בהרחבה אַ קיילעכדיגען יאָר.

דערפאַר חשובע אידען פאַרגעסט נישט דעם עיקר תכלית פון לעבען אַרויסצוהעלפען אַנדערע אידען אין זייער נויט, צו ערמעגליכען עלטערען חתונה מאַכען זייערע קינדער, און מחי' צו זיין צובראָכענע הערצער וואָס האָבען נישט פון וואו דורכצושטופען זייער טאָג טעגליכען בחזשעט. און דער הויפּט אייער אייגענעם לעבען און געזונט וואָס ווערט רואינירט דורך אָנשטרענגען זיך און אַרבעטען ווי אַ פערד מיט „אָווער־טיים" כדי צו קענען נאָכקומען אַלע וואַבערישע פאַרלאַנגען.

מיר קענען אויסרעכענען פאַרשידענע אומגליקען וואָס האָבען פּאַסירט די לעצטע פּאָר צענדליג יאָר, מענטשען האָבען געליטען פון שווערע האַרץ אַטאַקעס, דורכען אָנשטרענגען זיך מיט אַרבעטען אָווער־טיים צו קענען נאָכ־קומען די לוקסוס פון „פּאָר קויטס" וואָס די יודענע האָט נישט געוואָלט פאַרציכטען, צענדליגער שלום בית'ער זענען צושטערט געוואָרען דורכען לוקסוס געיאג, צענדליגער יאָרען זענען אָפּגעשניטען געוואָרען פון מענטשען'ס לעבען דורך רעגעניש און האַרץ עסעניש וואָס די „פּאָר קאויטס" האָבען פאַראורזאַכט.

דעריבער אויב איהר ווילט אָנפירען אַ רואיג כשר אידיש לעבען מיט געזונט און לאַנגע יאָרען פון אמת'דיגע פרייד און זעהען אידיש נחת ביי די קינדער און אייניקלעך, איז דער איינציגער וועג צו פאַרציכטען אויף די „פּאָר קויטס" און אַזוי אויך אויף אַלע אַנדערע מותרות.

אויסער די אַלע אויבענדערמאָנטע סיבות נישט צו טראָגען קיין „פּאָר קאויטס" מוזען מיר באַמערקען אַז גלייכצייטיג איז דאָס אויך פאַרבאָטען לויט דער הלכה, אַזוי ווי עס ווערט געברענגט אין שו"ת דברי חיים (ח"א יו"ד סי' ל') אַז אַ פרוי וואָס גייט מיט דעם לבוש איז עובר אַן איסור פון דער תורה הק', אין די צייטען פון בית המקדש וואָלט זי באַקומען 39 קלעפּ מיטען לעדערנעם קאַנטשיק.

נאָך שרייבט דער צאַנזער צדיק זצ"ל (שו"ת דברי חיים ח"ב יו"ד סי' נ"ח) מיט שאַרפע ווערטער אַז אַ פריצות'ריג בגד טאָר אַ אידישע טאָכער נישט גיין געקליידעט מיט דעם.

דער הייליגער דזשיקעווער זצ"ל שרייבט (שו"ת אמרי נועם יו"ד ח"ב סי' ט"ז) דאָס מען זעהט בשיינפירליך אַז דאָס גאַנצע אידישקייט הענגט פאַלקום אויף דעם.

דאָס זעלבע שרייבען אויך אַנדערע גאונים וצדיקים זצ"ל (שו"ת משיב הלכה יו"ד סי' ז' וסי' ח', ערך ש"י יו"ד סי' קע"ח) דערפאַר דאַרפען וויסען די אַלע

וואָס טראָגען די „פּאָר קאָוויטס" אַז דאָס אחריות פון עקזיסטענץ פון אידענטום ליגט אויף זייערע פּלייצעס.

גערעדנקט ברידער! אַלע אומגליקען קומען פון פּריצות (חפץ חיים באגרת, ר"ה קאלאמאייער בכל ספריו, ספר מחנ"ק), און נאָר דורכען זכות פון צניעות ווערט מען באַשאָנקען פון הימעל מיט גליק און פרידען און אַסאַך אידיש נחת.

# „גאונס"

עס איז ליידער גיט באקאנט פארען ברייטען חרידישען ציבור די געוואלדיגע גרויסע פירצה וואס האט זיך אריינגעכאפּט איז היימישע שטיבער, צי טראגען לאנגע קליידער ביז דער ערד המכונה „גאוו'ן" (Gown), אויף אידישע שמחות!

מורי ורבותי! לאָמיר זיך אליין באטראכטען ווי מיר האלטען! דאס ווייסט יעדער אז פאר אסאך יארען צוריק האט זיך קיינער נישט געקענט פארשטעלען אינעם ווילדסטען חלום אז מיט אזא מין לבוש וואס דער בעל דבר האָט ערפינדען אין פּאַריז (פונקט ווי אלע אנדערע מאדעס) אין צישפרייט ביי די גוים להבדיל, זאל זיך א כשר'ע אידישע טאכטער, א אייניקעל פון אונזערע הייליגע אבות אברהם, יצחק, ויעקב, זיך קענען מיט דעם אָנקליידען, אין דערפאַר ווען מען האט געזען איינעם אזוי געקליידעט איז דאָס נישט געווען מער קיין צווייפעל אז דאס מיז זיין א גויטע, גיט א קיק ווי ווייט מען איז געזינקען אז מען שעמט זיך נישט צי גיין מיט דעם, בפרט אויף שמחות, עס איז זייער באוואוסט דאָס הייליג וואָרט פין גארליצער רב זי"ע וואס פלעגט זאגען, וויאזוי ווערט באַשאַפן א מאדע? דער בעל דבר איז ממציא א פריצות'דיגען לבוש, און טיט זיך אָהן מיט דעם, און שפאצירט אדארך די פאריזער גאַסען, אין א טאָג שפּעטער איז דאס שוין צישפרייט אין די גאנצע וועלט, דאס הייסט מאדע!

היינט שטעלט אייך פאר ווי מיר האלטען אויף די וועלט! מיט די מלבושים ווערען געקליידעט אידישע טעכטער פין גאר היימישע שטיבער, אין טאקע אויף אידישע שמחות, שומו שמים!! יעדער זיכט דאך אוודאי אז ביי זיין שמחה אין חתונה זאלען ערשיינען זיינע זיידעס (כמבואר בזוה"ק ובשאר ספה"ק) היינט ווי קענט איר זיך פארשטעלען אז די הייליגע געלייטערטע זיידעס פין יענע וועלט וואס זענען אומגעקימען אויף קידוש השם טאָקע פין די גוים רוצחים בני עשיו, זאלען קענען שטיין רוהיג אין ציקיקן ווי אלע מחתונת'טעס אין אנדערע געסט זענען גוי'ש געקליידעט לויט די מאדע וואס מען האט זיך אָפּגעלערנט פין די גוים אין רשעים וואס האבען זיי אומגעברענגט.

איז קיין קלער נישט דאָ אז די עלטערן פין יענעם עולם דרייען זיך אויס און גייען אוועק, פוהל מיט עגמת נפש אין צער טראַכטענדיג דאָס זענען אונזערע פירות? דאס זענען טאקע אונזערע קינדער? איז דאס טאקע די קינדער וואס מיר האבען זיך נאָך זיי געטרייסט ווען מען האָט אונז לעבעדיגערהייט פאַרברענט אויף די שטייער הויפנס? טראכטענדיג אז עפעס א אנדענק וועט כאטש איבערבלייבען!

וואלט מען געהאט הייליגע אויגען וואלט מען געזען קלאר דאס גאנצע בילד אין דאס וואלט זיכער צישטערט די גאנצע פרייד פין די מחותנים, נאר מיר האבען נישט די זכי' דאס צי זעהן, אבער גלייבען גלייבט יעדער אז די הייליגע אבות וואס האבען זיך מוסר נפש בייי זייער לעבען אויף יעדען דקדוק קל של דברי סופרים, כ"ש אויף א לבוש וואס איז אסור מכח חוקת הגוי, וואס דער הייליגער חת"ס אין אנדער ספרים שרייבען **אז דאס ברענגט רח"ל צו שמד, און צי ווערען גוים**, השם ישמרנו. האבען פון דעם געוואלדיגען צער.

דער גאון וצדיק ר' שלמה קלוגער שרייבט (שו"ת טוטו"ד קמא קפ"ח) אז די וואס טראגען גוי'שע מלבושים ווערען פארעכנט **פונקט ווי גוים**, דער שו"ת בית שלמה (ח"א יור"ד קצו) שרייבט אז דאס איז דער ערשטער גורם מען זאל ווערען אויסגעמישט צווישען גוים רח"ל.

מיר ווילען ערקלערן דא א ווינדערליכע רעטעניש וואס ערליכע אידען פלאגן זיך שוין לאנג צי פארענטפערן פארוואס געוויסע נשים צדקניות האלטען נישט ביים אנטוהן ערליכע באשיידענע מלבושים, וויפיל דער מאן זאל בעטען בתחנונים, אפילו מען זאל איר איבערצייגען פיהל מאל אז זי קויפט איין פאר זיך און די קומענדיגע דורות עולם הבא [ווייל די קינדער וואקסען נאך די עלטערן געוועגליך] אלעס העלפט נישט, קוים ווערט דאס א מאדע, דארף מען אפלו איין ווארט נישט זאגען אין אליינס טיט מען זיך מיט דעם קליידען??

דער ענטפער וועלען מיר געבען, ווילאנג דאס איז נישט א מאדע לאזט נישט דער יצה"ר, אט ווערט דאס א מאדע בעט זיך דער יצה"ר מען זאל דאס אנטוהן!

נאר דער קשיא בלייבט נאך אלץ שווער וואס פאר א הנאה האט דער בעל דבר צי מאכען פין א ערליכען לבוש א מאדע? דער תירוץ לערנען אונז די חז"ל (ב"ב פ"א), דער בעל דבר האט געוואלדיג גרויס אינטערעס אין דעם ווייל דארך דעם ווערט דער קטרוג אסאך גרעסער אין הימעל, מיט די טענה הייתכן ביז יעצט האט מען נישט געקענט? נאר אלס מאדע קען מען?

אויסער דעם האט דאס אן אנדער באדייטונג, צי פארבלענדען די אויגען, אז דער מאדע באדייט נישט אלס פריצות (שוחט משום מאי מחייב? משום צובע!, כל שקר שאי"ב קצת אמת, אינו מתקיים!)

יעצט בארעכנט אייך אידישע טעכטער וואס דארפען ציהען די הייליגע קייט, פין די פריערדיגע דורות וואס פארא פנים וועט מען האבען נאך הינדערט צוואנציג יאר פאר די אייגענע עלטערען אין צדיקים, זיי וועלען דאך נישט קענען קיקען אין פנים אריין, וואס מען האט זיי פארשעמט אזוי שטארק זייענדיג אויף דעם עולם, אוועקגעטריבען מיט די אייגענע הענט פין די שמחות, אין מצער געוועזן זייער נשמות, חוץ דעם וואס מען היט אפ פאר די קינדער אזוי ווי דער חפץ חיים ז"ל שרייבט אז אלע צרות פין קליינע קינדער נעמט זיך פין דעם.

דערפאר דארף מען וויסען יעדע פרוי וואס גייט מיט די סארט קליידער אדער קירצע קליידער, נעמט א חלק אין די אומגליקען וואס פאסירט ליידער לעצטענס זייער אפט, מיט קליידער קינדער ד' ירחם.

אין דעם זכות וואס מיר וועלען מקבל זיין זיך אויפציפירען ערליך אידיש בצניעות, וועלען מיר אויסגעלייזט ווערען בקרוב.

בעזהי"ת

# ספר

# קדושת ישראל

והוא

# הלכות יחוד השלם

● ליקוט גדול המקיף כל דיני יחוד מדברי הפוסקים ראשונים ואחרונים הנוגעים לכל יהודי מאיש ועד אשה, מקטן ועד גדול.

● עוד בו אוסף אנקי של עשיריות דוגמאות מהמציאות היום יומית שנכשלים באיסור יחוד, והדרכות האיך להתנהג בבית ובמקום עבודה, ואצל הרופא ובביקור אצל קרובים ועוד.

● **מי שאינו בקי בדינים המבוארים בספר הלזו ברור ומוחלט שמוכרח במשך הזמן להכשל בלי שיעור פעמים באיסור יחוד החמור כמבואר בפנים.**

● **ידוע מה שכתבו הפוסקים כי יחוד היא אביזרייהו דג"ע ולדעת הרבה פוסקים הוא ביהרג ואל יעבור** (שו"ת טוטו"ד מהדו"ק סי' קצ"ב ושו"ת שם ארי' סי' ל"ה ובספר פסקי תשובה סי' ע"ה בהערה).

כ"ז לקטתי בעזר צורי וגואלי מדברי חז"ל בש"ס בבלי וירושלמי, מדרשים זוה"ק תיקונים וספרי הראשונים, ומספרי מוסר מגדולי האחרונים זללי"ה, ודבריהם הקדושים חוצבים בלהבת אש, מלהיבים נפש האדם לשמור מאד לברוח ולהסתלק אפילו מן הספק, כאשר יראה הרואה בפנים הספר.

תקותי כי דבריהם הקדושים יעשו רושם בלבות בני ישראל, וזה יהי' פרי עמלי להסיר המכשלה הזאת מבתי בני ישראל בכל מקום שהם.

— ברוקלין, יצ"ו שנת תשמ"ב —

יצא לאור ע"י חברה מזכי הרבים

בעזהש"י

# מכתב קודש מהאי סבא קדישא

## הגה"צ מרן

# יוסף חיים זאנענפעלד

## זצוק"ל

## רב ואב"ד לכל מקהלות אשכנזים בעיה"ק ירושלם תובב"א

# התעוררות על דבר צניעות בנות ישראל!

---

איך שרייב אויף זשארגאן, דאס איזט דיא גרעסטע מצוה מען זאלל דיא ווייבער אויפקלערען ווייל יודישע קינדער ווללען אודאי ניכט זיין קיין זונות. נור דעס פרצות הדור האט אזויא ווייט גיפועלט מען זאלל רעדין עברית אונד געהן וויא, אפרוצה, גיוואלד! איהר מאכט מיט דעם, דען גרעסטען חילול השם! אונזערע חכמים הקדושים האבין גיזאגט דאס בזכות נשים צידקניות איזט גיוועזין גאולת מצרים. וכימי צאתינו ממצרים וירד זיין בעזהי"ת דיא גאולה קרובה איבר דעם האט זיך פעריייגט דער יצר הרע! דיא עהרליכע יודישע טעכטער פון וועג אראב צו פיהרען: בכן! עהרליכע יודישע קינדער! איבער לעגט אייך איהר פערזינדיגט זייא רחמ"ל אונד אויף אללע צרות אין אונזער צייט. דאס איהר זינד דער שטארקער גורם דארצו.

**איהר קענט אפילו פועלין דאס אללע מעננר זאללין זיין עהרליכע יידען!**

**בכן!** איזט אחוב אויף יעדער עהרליכע יידענע זיא זאלל זעהן צו טהון וויא ווייט זיא קען אונד מיר האפפען אז השי"ת ווירד העלפין אונד דיא יידישע טעכטער ווערדען הערען אונד פאלגען אונר מיר ווערדען תשובה טאהן אונד דיא גאולה שלמה ווירד קאמען וויא עס וויינשט בלב ונפש המחכה לישועה

**הק' יוסף חיים זאנענפעלד**

(מקום החותם)

# משה שטערן
## אב"ד דעברעצין ונייהייזל יצ"ו
## בעהמ"ח שו"ת באר משה ה"ח
בלאאמו"ר הרא"ש, בעמ"ח ספר גפי אש ומליצי אש וש"ס
## ברוקלין יע"א

בעזהי"ת

אל מע"כ ידידינו הרב המופלא ומופלג בהפלגת חכמים ונבונים זי"ר יפר"ת לוחם מלחמת ה' בגבורה כש"ת מו"ה                    שליט"א,

אחרי תת שלו'.

מה נכבד היום בהגלות נגלות לאור השמש ספר נכבד ויקר הנקראת „קדושת ישראל".

קונטרס מוקדש לרומם קרן הצניעות וקדושת בנות ישראל והסברה מיוחדת על כל עניני איסור יחוד איך להשמר ממנו ואיך להיזהר בו שרבים וגם שלמים בדורנו נכשלים בו הכל ה' עליו השכיל בליקוטי בתר ליקוטי מספרי הפוסקים וספה"ק.

חיבור מקורי יחיד במינו בשפה המדוברת, החיבור ההיא היא אוצר כל כלי חמדה יהיה כשלחן ערוך מיוחד בכל פרטי איסור יחוד, מה שלא הי' עדיין לעולמים לחבר חיבור נכבד במקצוע הזה, הכולל בתוכו כל הדינים השייכים לעניני קדושה אחד מהם לא נעדר, הן צניעות המלבושים לאנשים ונשים, כל דיני יחוד, וגם הסברה נפלאה בגודל המכשלה בענין הליכה לרופאים, והדרכה מיוחדת בהנהגת הנשים הצנועות והכשרות, כאשר כבר הרעשתי ארץ ומלואה כבר מכמה שנים מגודל הפריצות ברופאים קלים והמכשולות הגדולות היוצאות מהם, ומה גם המאורעות האיומות המתהוים ע"י שימושי הרופא בלי שמירה מיוחדת, שהחריבו לעשרות משפחות בזמן האחרון ערו ערו עד היסוד.

והי' מן הראוי לצאת בקרית חוצות בקול רעש גדול עד שתזדעזע עולם ומלאה שכל מי שיראת ה' נוגע ללבו ורוצה להנהיג בית כשר ותורתי בדרך המסורתי ירחיק כמטחוי קשת ויותר מאהלי הרופאים הרשעים המופקרים האלו כי כל באי שער ביתן לא ישובון ח"ו למדות בנות ישראל הכשרות. וגם המצא תמצא בחיבור הלזה בירור וליבון בענין הליכה לרופאים הנקראים פסיכיאטורין ופסיכאלאגען וקיראפרקטיקאים המגבילים הרבה פעמים במכשולות שונות במחשבה דיבור ומעשה.

וגם הפליא לעשות קו' נפלא לאיזה רופאים ללכת ואיך להיפטר מכל חשש יחוד.

וגם טרח ועמל טהור גברא לאסוף דוגמאות רבות של חששות יחוד רציניים יום יום להאב, להאם, להאח, לאחות ולשאר חברי המשפחה.

ובפרט המכשול הגדול מיוחד במלאכת האפיסעס אשר אחוז עצומה נכשלים באיסור זה דבר יום יום ביודעים ובלא יודעים.

וגם עניני יחוד המתרחשים בטעקסי, במעלית, משולחים, רוכלים, מובילי סחורה בבית. אוצר דינים והנהגות הנוגעים לחתן וכלה והמחותנים מהצעת השידוך ועד החתונה. (והארכתי בזה בחיבורי הרבה בשו"ת באר משה ח"ד)

ומה ששאל ממנו אודות מזוזות אם שפיר דמי לקנות מזוזה מיד סוחר או חנות ולקבעה בבית מבלי בדיקת סופר מומחה ויר"ש מאוד, בימינו אלה שנמסרו בעווה"ר כשרותן של דברים העומדים ברומו של עולם לבעלי כיסין ובעלי פטמין ורוב רובם של כלל ישראל כצאן לטבח יובל ומלאו בתי 90 אחוזים מישראל מזוזות הפסולים הנכתבים מנשים וסופרים קלים ומי מהם גם בעצם יום השבת, וכמות גדול מהם מעשה דפוס בעלמא, הצד השוה שבהן שפסולים מן התורה לכל הדעות, ואלו הצאן מה חטאו כי יאריכו ימיהם מבלי קיום מצות מזוזה ותפילין. (ובספרי שו"ת באר משה ח"ו הארכתי בזה)

וכל מין דין ראוי לכל בר ישראל לרחוש לו חיבור הנפלא הלזה למען ידע לפלס מעגל דרכיו במסילה הישרה העולה בית א-ל ויהי' לבו נכון ובטוח להעמיד דורות ישרים בקדושה ובטהרה ולהמשיך שושילתא קדישא לדורות הבאים עד ביאת ינון במהרה ב"א.

מוש"ק פ' פקודי שנת תשל"ח לפ"ק. פה ברוקלין יצ"ו.

**משה שטערן**

אב"ד דעברעצין יצ"ו

## שמואל הלוי ואזנר
### רב אב"ד ור"מ
### זכרון-מאיר, בני-ברק

ב"ה, יום ב' וישלח תשל"ט לפ"ק, פה ברוקלין יצ"ו.

ראה ראיתי החי' החשוב על איסור יחוד וצניעות בנות ישראל בכלל אשר פעל ועשה כב' ההגה"צ מזכה את הרבים כש"ת מוהר"ר
פה ברוקלין יצ"ו.

הספר הנ"ל מחובר בלשון המדובר המורגל כדי להרגילו בפי הבריות אנשים ונשים, ובפרט עניני יחוד שהם הדרגא הראשונה לאיסור חמור דעריות – ובעו"ה נפרץ לרוב, ובפרט בערים גדולים שהנשים והבנות עובדות בבתי חרושת ומשרדים והוא הגורם שהמחיצה של קדושה ששמה התורה בין ב' המינים – נפרצה בי"ג פרצות – וע"כ כל מי שעומד בפרץ ברוך יהי'.

ע"ז בעה"ח ומצפה לחסדי ה'

**שמואל הלוי ואזנר**

# (מפתח קרובים)

## עקסטער מפתח פאר קרובים

## דער ציהל פון דעם מפתח איז אנצוצייכנען איבעראל ווי עס ווערט דערמאנט איינע פון די קרובי משפחה, אויף מותר אדער אסור.

**אלע קרובים** פרק א, ד, י.

**באבע (אייניקלעך)** פרק א, ה, ו, פרק ה׳ ענף ג, ג.

**ברידער (שוועסטער)** פרק א, ה, ו, יב, יט, כ געוושיסטער קינדער (קאזין בלע״ז) פרק א, יד 1), פרק ב׳ ענף א, יח, פרק ה׳ ענף ג׳ ג.

**זיידע (אייניקלעך)** פרק א, ה, ו, פרק ה׳ ענף ג, ג.

**טאטע** (טאכטער) פרק א, ה, ו, יב, יח, יט, כ.

**מאן (ווייב)** פרק א, ה, ו, יב, יג, פרק ג׳ א, פרק ד׳ ענף א, פרק ה׳ ענף ב׳ וענף ג, פרק ח- ד, פרק ט, פרק י׳ ענף ג׳ א.

**מומע** פרק א, יד 1) פרק ה׳ ענף ג׳ ג.

**עלטער שוויגער** פרק א, ח, פרק ד׳, ענף ג׳ ג.

**עלטער שווער** פרק א, ז, פרק ה׳ ענף ג׳ ג.

**פעטער** פרק, יד 1) פרק ה׳ ענף ג, ג.

**קרובים** וואס זענען — שניר מיט שוויגער, פרוי מיט׳ן מאן׳ס טאכטער, מיט איר שוויגערס טאכטער, (שוועגערן), איר מאן׳ס ברידער׳ס פרוי (שוועגערן), — פרק ב, ענף א׳ ב.

**שוויגער (איידעם** פרק א, ז.

**שוועגערינס** פרק ב׳ ענף א, ב, ט, י, יא, יב, יג, טז, יז, פרק ה׳ ענף ג׳ ג.

**שווער (שניר)** פרק א, ז, פרק ה׳ ענף ג׳ ג.

**שטיף זוהן טאכטער** פרק א, ה, ו, יב, פרק ה׳ ענף ג׳ ג, פרק יג, טז.

❦❦❦

# מפתח

## לפי סדר א — ב

**א עקסטער מפתח איז דא ווייטער פאר די קרובי משפחה**

**אדאפטירטע קינדער** פרק א, יג, יד, 4) יט..

**אויפזעהר** (בעבי סיטטער מענער אופזהער איבער דרייצען יאר פרק י׳ ענף א, אונטער דרייצען יאר ענף ב׳ פרויען אויפזהער פון צוועלף און העכער ענף ג, אונטער צוועלף יאר ענף ד׳ בר מצוה יונגעל פרק י׳ ענף א׳.

**אורח** פרק יג, כג.

**אויפצאכטלינגען,** פרק א׳ יד 4)אינטערוועגס פרק ב׳ ענף א, כג, ענף ב׳ ז, פרק ג, ט, י, יא, פרק ד, ד, פרק ה׳ ענף א׳ א, ושם ענף ג, ו- טז.

**איין מאן אדער בר מצוה** בחור מיט קליינע מיידלעך פרק י׳ ענף א׳.

**איסורים יעדע רגע פון יחוד נאך א איסור, הקדמה י׳.**

**אלט** יחוד איז אויך אסור ביי 90 יעריגע, הקדמה יא*.

**אפיס** פון דאקטוירים, פרק יד.

**ארבעט** פרק יג, כט.

**ארבעט מיט פרויען** פרק ה׳ ענף ג, י, יא.

**ארבעטערס** א ארבעטער דארף געווארענט זיין אז אין שטיב ווי ער ארבעט זאל נישט זיין יחוד, דאס זעלבע דארף די פרוי אדער מיידעל פון שטיב אכטונג געבן — הקדמה יב.

**ארבעטער** פרק יג, כ — כב.

**באזוכען קרובים** (נאנטע) מענער אדער יונגלעך באזוכען ברידער פרק י״א א — יג, — מענער אדער יונגלעך באזיכען שוועסטער פרק יא׳ יג, — כא, פרויען אדער מיידלעך באזיכען ברידער כא, — כה, — פרויען באזוכען שוועגערין׳ס לה — מ* מענער באזיכען ברידער׳ס אדער שוועסטער׳ס אדער שוואגערס קינדער מא — מז, פרויען באזוכן זייערע ברידער׳ס שוועסטערס און שוועגערן׳ס קינדער מח׳ — ס באזיכען געשוויסטער קינדער אדער אנדערע קרובים (קאזין׳ס) סא, סב, באזיכען שווער־שוויגער סג — פא. באזיכען איידעם און טאכטער פא — צג. באזיכען זוהן און שניר צה — קא באזיכען פעטער מומע קא — קט.

**באקאנטשאפט** איז א פעלער ביי היתר יחוד — פרק א, יד 1) 2), יט, כ, פרק ב' ענף א, כ' זעה אויך "פארבינדונגען".

**באזוכען** באזוכען א **חבר** פרק יב' א — יא* באזוכען א חבר'תא יא — כ.

**באס** פרק יג' ב, ג, ד.

**בושה** בושה ברענגט צו יחוד — הקדמה ו, ז, ח, ט, י, יא.

**באשיידען,** דער איסור יחוד איז גילטיג אפילו מיט אפגעהיטענע פרויען, הקדמה י"א.

**בייטאג** פרק ב' ענף ב' בתחלה.

**ביינאכט** פרק ב' ענף ב' ו, פרק ג, ח, י, יא, פרק ד' י' 1) 2) 3) 4), פרק ה' ענף ג' ג, טז, פרק ו' ד, פרק י' ענף א, 4) 10).

**בעבי סיטטער** זעה "אויפזעהר".

**גאסט** פרק יא, כג.

**גוים** יחוד איז אסור אויך מיט גוים אדער גוי'טעס — פרק א, ג, פרק ב' ענף א' כא.

**גוי** פרק ג, ג, י, פרק ד, ה, פרק ה' ענף א' י, פרק ה' ענף ג, ט, פרק ט' ה.

**גוים מיט זייערע ווייבער צוזאם** פרק ה' ענף ג' ט, יד.

**גוי'טעס** פרק ב' ענף ב' ג, פרק ג, ו, פרק ה' ענף ג' ט, יד.

**גוי'טעס** מיט זייערע מענער — פרק ה' ענף ג, ו, יד.

**געשעפטען** פרק יג א.

**דריי יונגלעך,** פרק ג, ו*.

**דריי פרויען** פרק ב' ענף ב' ד, ה, ו.

**דקאטורים** — פרק י"ד.

**דריי קליינע מיידלעך** פרק ב' ענף ב' א, פרק ד, ט.

**היילונג,** באגיין איסור יחוד האלט אפ דאס היילען, הקדמה ז.

**הלכה** אויב מען וויסט נישט די הלכה, איז מען מחמיר הקדמה יב.

**היימישקייט** איז א גרויסע חסרון ביי יחוד, זעה **באקאנטשאפט** "פארבינדונגען".

**היילען** ביי דאקטורים פרק ד'.

**היתר** מיט וועלכע קרובים מעג מען זיין אליינס, פרק א, ה.

**וואינען,** פרק א, ט"ז, פרק ב' ענף א, כד.

**ווארענען די ווייב** וועגען אנזאגען די ווייב זי זאל נישט בלייבען מיט א פרעמדע מאן פרק ט.

**ווארט — זאל** פון דאקטוירים, פרק יד׳.

**וויזיטען** זעה ״באזוכען״.

**זוהן** מיט זיין טאטע פרק ג׳ א*.

**חומרא** טייל פלעצער איז מותר לויט די הלכה פונדעסטוועגן דארף א ערליכער איד מחמיר זיין, הקדמה יג.

**חומרא** פרק ב׳ ענף ב׳ אנהיב, פרק ה׳ ענף א׳ ד, וענף ג׳ טז, 3), פרק ו׳ ח, וכל פרק ח, פרק י׳ ענף א 10).

**חינוך** דער טאטע דארף לערנען מיטן הויז־געזונד די הלכות, הקדמה יב.

**טאטע** עס איז א פליכט דער טאטע זאל לערנען מיט הויז-געזונד הלכות פון יחוד, הקדמה יב.

**טאטע מיט זוהן** פרק ג׳ א*.

**טיטשער׳ס** פרק יג, כט.

**טיר צו די גאס** פרק ו׳.

**יארען**די יארען ווען עס הייבט זיך אהן יחוד — פרק א, ב, (מענער 9 יאר — פרויען 3 יאר) דאס בלייבט א אייביגע איסור ביז 120 יאר — הקדמה יא.

**יונג** יחוד איז אסור אויך ביי 3 יעריגע מיידלעך אדער 9 יעריגע יונגלעך — הקדמה יא*.

**יונגלעך** היתר יחוד אויב עס איז דא יונגלעך — פרק ד׳.

**יונגעל אונטער ניין יאר** פרק י׳ ענף ב׳ ג.

**יונגעל עלטער ניין יאר** פרק י׳ ענף ג׳ ב.

**יחוד** דער שווערסטע נסיון פון די תורה איז עריות און דער גורם, יחוד, — הקדמה אא.

**יחוד** איר באדייטונג — פרק א, א.

**יחוד** יעדע סעקונדע וואס מען איז מיט יחוד איז א נייע איסור, הקדמה י׳.

**יחוד ביישפילען** פרק י׳.

**יחוד** דער עלטער ווען יחוד הייבט זיך אהן — פרק א׳ ב.

**ירא שמים** פרק יג, כט.

**לערערין׳ס** פרק יג, כט.

**מאן היט זיין פרוי** פרק ה׳ ענף ג׳ כל או׳ טז.

**מאן אין שטאט** — היתר יחוד אויב איר מאן איז אין שטאט — פרק ה׳ ענף א׳.

**מאן,** מיט אסאך פרויען — פרק ב׳ ענף ב׳.

**מיידלעך** היתר יחוד אויב עס איז דא מיידלעך ־ פרק ד׳.

**מיידעל איבער צוועלף יאר** פרק ב׳ ז, פרק י׳ ענף א, 4) 5) 6).

**מיידלעך** דריי מיידלעך העכער צוועלף יאר פרק י׳ ענף א, 8).

**מיידלעך,** דריי קליינע — פרק ב׳ ענף ב׳ א, פרק ד׳ ט.

**מיידעל** פרק א, יז.

**מענער** אסאך מענער מיט איין פרוי, פרק ג- פרק ה׳ ענף ג׳ או׳ טז, כולו.

**משולח** פרק יג, כד.

**משרתים** פרק א, יד 3).

**סטראס** פרק יג א.

**ספק** ביי א ספק ווי א מורה הוראה איז נישטא דארף מען מחמיר זיין — הקדמה יב.

**עם הארץ** פרק א, יד* 2).

**ערליכקייט** פרק א, יד* 1) 2) 3).

**עלעוועיטער** פרק יג, כו — כח.

**ערליכע,** ערליכע מענער אדער פרויען איז אויך דא יחוד — הקדמה יא.

**פארבינונגען** פרק ב׳ ענף ב׳ אנהייב, פרק ג, ה, פרק ד, ו, פרק ה׳ ענף א׳ ח, ו, וענף ג׳ טו.

**פארדינגען שטיבער** פרק יג׳ יד.

**פארען** פרק יג ב, ג, ד.

**פרוי אין שטאט** היתר יחוד אויב זיין פרוי איז אין זעלבען שטאט — פרק ה׳ ענף ב׳.

**פרוי — מיט אסאך מענער** פרק ג׳, פרק ה׳ ענף ג, או׳ טז, כולו.

**פרוי אין שטיב** אויב זיין פרוי איז אין שטוב — פרק ה׳ ענף ג׳.

**פרוי,** אויב איר מאן איז אין שטאט פרק ה׳ ענף א.

**פרויען,** יחוד מיט צוויי פרויען — פרק ב׳ א, — דריי פרויען פרק ב׳ ענף ב׳ ד, ה, ו.

**פרויען** יחוד מיט צווי פריען, פרק ב׳ ענף ב׳, פרק ה׳ ענף א׳ ג.

**פרויען** איין מאן מיט אסאך פרויען — פרק ב׳ ענף ב׳ בתחלה.

**פסק** אויב דער רב האט מתיר געווען יעצט און מען וויל זיך פארלאזען אויף דעם א צווייט מאל וואס איז נישט אינגאנצען אזוי ווי דאמאלטס, הקדמה או׳אא.

**פסק** פסק׳נען אליינס — הקדמה או׳ אא.

**פסק** פארלאזען זיך אויף דעם וואס ער רב האט גע׳פסקט פאר יענעם — הקדמה אא.

**פרוצות** פרק ב׳ ענף א, כב, פרק ג׳ א, ז.

**פרעמדע שטאט** — די היתדים פון קרובים איז נאר אין א שטאט ווי מען קען זיי — פרק א, ו.

**פענסטער צו די גאס** פרק ו׳.

**צדיקים** פאר צדיקים און צדקניות איז אויך אסור יחוד, הקדמה יא.

**צוויי** יחוד מיט צוויי פרויען — פרק ב׳ א.

**צווי פרויען פרק ב׳ ענף ב׳, פרק ה׳ ענף א׳ ג.**

**צוטיילט** מאן און ווייב וואס זענען צוטיילט — פרק ה׳ ענף א׳ יא.

**צנועות** יחוד איז אסור אויך מיט צנועות, הקדמה יא.

**קארס** פרק יג ב, ג, ד.

**קאלעקטער** פרק יג, כד.

**קינדער ביינאכט** פרק ד׳ י׳.

**קרובים** יחוד איז אסור מיט קרובים — פרק א, ד.

**קרובים** מיט וועלכע קרובים מעג מען זיין אליינס — פרק א, ה.

**קרובים** וואס זענען מתיר יחוד מיט אנדערע פרק ב, ענף א׳ ב, עד סוף ענף א.

**קרובים** אמאל איז א קרוב א פעלער (חסרון) — פרק א, י, יד.

**רפואה** איסור יחוד האלט אפ די רפואה, הקדמה ז.

**רענטען** שטיבער פרק י״ג יד.

**שאלה** אויב מען ווייסט נישט די הלכה זאל מען מחמיר זיין — הקדמה יב.

**שאלות,** אליינס פסק׳נן פארלאזען זיך וואס דער דב האט געפסק׳ט פאר יענעם — פארלאזען זיך פון איינמאל אויפן צווייטן — הקדמה יב.

**שטיף קינדער** פרק יג, טז עד סופו.

**שעמעדיקייט,** קען ברענגען צו א׳סור יחוד — הקדמה ו, ז, ח, ט, י, יא.

**שפיטאל** פרק יג, כה.

מבוא לה׳ יחוד

די הלכות פון יחוד זענען פארצווייגט און קאמפליצירט עס איז שווער ביי יעדע איינציגע שאלה צו זאגען א קאלרען פסק הלכה ווייל אין די הלכה ספרים ווערן געברענגט מחלוקת ביי פארשידענע הלכות דערפאר איז דער גאנג פון דעם פאלגענד:

א) די אלע הלכות וועלכע זענען קלאר אהנע מיינונג פארישענהייט האבען מיר ציטירט קלאר.

ב) די הלכות וועלכע עס זענען דא דערביי פארשידענע מיינונגען האבען מיר געשריבן מען זאל פרעגן א שאלה. ווייל ביי די מורה הוראת איז אנגענימען דארט ווי עס איז דא א מחלוקה פסק׳ט מען לוט די אמשטענדן (מצב פונם) אנפרעגער.

# הקדמה

א) עס איז ראַטזאַם און וויכטיג יעדער זאָל מעורר זיין ביי זיך אין שטיב, ווי אויך פאַר פרעמדע אַז נישט נאָר וואָס מען טאָר זיך נישט אַליינס פסק׳נען ביי קיין שום יחוד פראָבלעם פינקט ווי ביי יעדע אַנדערע הלכה פון די תורה, נאָר אפילו אויב מען דערוויסט זיך דורך שכנים אָדער קרובים א.ד.ג. הלכות וואָס אַ מורה הוראה האָט גע׳פסק׳ט ביי געוויסע ביי־שפּילען, טאָר מען דאָס נישט נאָכטוהן ביי זיך אָהנע שאלה פרעגן, ווייל אַזוי שטייט געשריבען אין די פוסקים (עי׳ ש״ך יור״ד קפ״ח ז׳, ובש״ע תניא, לחו״ש פת״ש ו, ולבנון נטע, שם) און אַמאָל געדענקט יענע פּרוי נישט פּינקטליך, אַמאָל איז דאָ נאָך געוויסע זייטיגע סיבות פאַרוואָס ביי יענע האָט מען מתיר געווען און ביי די פרוי איז דאָס נישט שייך, צוםביישפּיל אַ פרוי וועט דער־ציילען אַז פאַר איר האָט אַ רב מתיר געווען יחוד מיט אַ פרעמדן מאַן ווייל נאָך אַ פרוי איז געווען מיט איר, איז געדרינגען פון דעם אַז צוויי פרויען איז גענוג קעגן יחוד, ביז דערווייל איז דער היתר נאָר געווען ווייל עס איז געווען איר שוויגער, אָדער שוועגערן, א.ד.ג. דעריבער נישט נאָר וואָס מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזען אויף אַ צווייטען, נאָר אפילו אויף זיך אַליינס טאָר מען זיך נישט פאַרלאָזען פון איינמאָל אויפן אַנדערן, נאָר אויב דער מורה הוראה זאָגט קלאָר אַז מען קען זיך אייביג פאַרלאָזען אויף זיין היתר. און אַזוי אויך אויב דער רב האָט גע׳פסק׳ט לאיסור דאַרף מען זיך נישט אָפּ־האַלטען אַ צווייט מאָל נאָכאַמאָל צו פרעגן די שאלה.

דער רמב״ם שרייבט: עס איז נישטאָ אין די גאַנצע תורה נאָך אַ זאַך וואָס רוב מענטשען איז שווער זיך אָפּצושיידען דערפון אַזוי ווי עריות דעריבער דאַרף יעדער מענטש באַצווינגען דעם יצר הרע און זיך געוואוינען מיט גרויס הייליקייט, מיט ריינע געדאַנקען, כדי גערעטעט צו ווערן דערפון, און ער דאַרף געוואָרענט זיין פון „יחוד״ וואָס דאָס איז דער גרעסטער גורם צו שטרויכלונגען. (סוף פכ״ה מה׳ איסורי ביאה).

# קונטרס
# קדושת בנות ישראל

## פרק א
## אויפקלערונג וועגן יחוד

דער פלא יועץ שרייבט (או' נ') יעדער מענטש וואָס פאַרכט זיך פאַר'ן באַשעפער ער זאָל ח"ו נישט אַוועק פון דעם עולם אינמיטען די בעסטע יאָרען, און וויל זוכה זיין צו הייליגע קינדער, תיכף ווי ער האָט חתונה אָדער ער מאַכט חתונה די קינדער זאָל ער אַרויסזיכען די נויטיגע ספרים און לערנען צו וויסען וואָס צו טוהן, דורכדעם וועט ער זוכה זיין צו אַ ערליך געבענטשט דור ע"כ.

וויסענדיג דעם אמת אַז כמעט אַלע מכשולות פּאַסירען פין אומוויסענקייט, די עלטערן לערנען נישט מיט די קינדער די הלכות פין יחוד, (דאָס זעלבע אויך אין סקול) די עלטערן ווייסען טיילווייז אויך נישט, און די רבנים זענען אויך נישט גענוג מעורר, האָבען מיר צו דעם צוועק געווידמעט דעם דאָזיגען קונטרס, (ועי' פרק ט"ו או' י"ז בענין ת"ת לנשים).

נאָר פאַר אַלעם מיזען מיר קלאָר מאַכען אַ פּאָר וויכטיגע פונקטען וועגען יחוד, וואָס אַסאַך ווייסען נישט און מען ווערט נכשל דורכדעם אין איסור יחוד אומווילענדיג.

א) איסור יחוד איז אַנגענימען ביי רוב מענטשען אַז אויב מען האָט ח"ו נישט געטוהן קיין שום שלעכטס בשעת'ן יחוד האָט מען נישט געטוהן קיין איסור, ביזדערווייל איז דאָס נישט אמת, אפילו ער איז געווען דאָרטן דבוק אין רבש"ע האָט ער אָבער דאָך עובר געווען אַ איסור פין די תורה מיט דעם אַליין וואָס ער איז געווען אין אַ שטיב אַליינס מיט אַ פרעמדע אשה.

ב) דער נודע ביהודה שרייבט פאַלגענד: רוב וועלט איז זיך טועה, זיי מיינען אַז איסור יחוד איז אָפּהענגיק אין טוהן עפּעס, אויב מען האָט גאָרנישט געטוהן האָט מען נישט עובר געווען אויף איסור יחוד, דער אמת איז אָבער נישט אַזוי ווייל אפילו עס איז אים גאָר קיין בייזעס נישט אַרויף געקימען אויפען געדאַנק פינדעסטוועגן אויב ער איז געווען אינאיינעם מיט

א פרעמדע פרוי איז ער שוין באגאנגען א איסור פון די תורה, (דרושי הצל"ח דרוש א' או' י"א, וכ"כ הגה"ק מדינאב זצ"ל בדפ"ק ל"ת ל"ה, עי' פי"ב או' י"א, וכן כ' הג' בעהמח"ס שביתת השבת נד' בס' פני ארי החי בתח' ח"ב).

ג) נאך שטייט אין די ספרים אז דער מענטש איידער ער האלט דערביי קען ער זיך נישט פארשטעלען דעם קראפט פון זיין יצה"ר (שם בס' הנ"ל) און דערפאר ווערט גע'פסק'ט (אין שו"ע אה"ע כב, טו) אז מען טאר נישט באשטימען דעם גרעסטען צדיק וואס עקזיסטירט, אלס שומר אויף א הויף וואס עס זענען דא דארט פרויען כאטש ער שטייט אינדרויסען. (זעה ווייטער פי"ב או' ח, ט, י), עס ווערט געברענגט פון הגה"ק מהר"ם מסאווראן זצ"ל דאס אמאל איז אריינגעקימען צו אים אין שטיב א אידענע מיט א בקשה און אזוי ווי קיינער איז נישט דארט געווען האט דער רבי זיך גענימען לויפען מיט איין אטעם ביז'ן לעצטן שטיב און זיך שטארק איינגעשפארט, שפעטער האבען אים די נאנטע געפרעגט פון וואס האט דער רבי אזוי מורא, האט ער געענטפערט בלויז איסור יחוד, וואס איז אסור מן התורה האב איך מורא געהאט עובר צו זיין!

ד) עהנליך צו דעם ברענגט דער ספר דבר הלכה אין די הקדמה וועגן הרה"ק מסטאלין ז"ל דאס אויף דער עלטער האט מען אים אפעריערט איז ער אזוי געלעגן דערנאך אין א שטיב אליינס, אינצווישען איז אריינגעקימען גאר א אלטע אידענע (מסתמא איבער אכציג) האט זיך אויף די מינוט צוגעדאכט פאר'ן צדיק אז ער איז באיסור יחוד, האט ער זיך אריבערגע־קייקעלט צום פענסטער און ארויס דורכען פענסטער, פרעגענדיג אים וואס איז דען געפערליך? האט ער געענטפערט! עטס קענטס נישט דעם יצר הרע? ער מאכט אין איין רגע א קראנקען געזינט, און א אלטען יונג...

ה) נאך א גרויס שטערונג ביי איסור יחוד איז בושה, עס איז ליידער א גרויסע אפהאלט אויך אין אנדערע מצות וואס קלאמערן זיך מיט די מדה פון בושה, וואס טאר באמת נישט געניצט ווערען אפצוהאלטען פון מצות און מעשים טובים, די ספרים ריפען דאס (בושה רע), דאס זלעכטע טייל פון בושה. די וועלט זאגט „אן ארימאן גייט אויס פון בושה, נישט פון הונגער" וויפיל פראבלעמען און קאמפליקאציעס זענען ארויסגעקימען דארך בושה צו רעדן א ווארט ווען עס האט אויסגעפעלט, זייער אפט קימט פאר אפילו ביי ערליכע יונגעלייט טאמער איז מען עפ"י סיבה אנגעקימען ביי א נאנטע אין שטיב, און דער מאן איז נישט געווען אינדערהיים, און די קרובה האט אים מכבד געווען נישט צו שטיין אינדרויסען נאר אריינקימען אראפזעצן זיך אפרועהן אדער אנווארעמען, און צוליב בושה האט ער נישט אפגעזאגט.

ו) אָדער ווי עס טרעפט זיך זייער אָפט, מען גייט אָפּנעמען אַ פּעקל ביי אַ פרעמדן און יענער הייסט אַריינקימען וואַרטען אין שטיב ווילאַנג מען ברענגט דאָס צו און מען שעמט זיך צו בלייבן אינדרויסען, ביי שוואַגערס מיט שוועגערנס איז דאָס אַ טאָג טעגליכע ערשיינונג, און אומבאַמערקט באַגייט מען איסורי דאורייתא און דרבנן פין יחוד, בלויז צוליב בושה.

ז) דעריבער טייערע חשובע אידישע ערליכע ברידער! וואָס אַנטלויפען פאַר יעדן חשש און ספק איסור דרבנן, כ"ש אַ זיכערע איסור דאורייתא! שטעלט אַוועק אַלע בושות אין דער זייט נישט אומזיסט האָט דער הייליגער טור און רמ"א, געפינען פאַר נויטיג זאָפאָרט אין אָנהייב טור שלחן ערוך צו מעלדן אַז ווען עס האַנדלט זיך וועגען דינסט פין השי"ת דאַרפמען אַוועקלייגען אינדערזייט אַלע בושות, ווייל דאָס גראָבט אינטער די יסודות פין קיום היהדות און גרייפט אָן מיט אַ געוויסע פּראַצענט רוב מצות פין די תורה, מיר ווייסען פין גאָר שוידערליכע פּאַסירונגען ווי אינגעלייט זענען געשטרויכעלט געוואָרען אין אַריינגעפאַלען אין נעץ פין יצה"ר ממש ביז'ן סאַמע אָפּגרונד, אָנהייבענדיג זיך מיט בושה.

ווער רעדט נאָך טאָמער גייט מען צו אַ גרויסען דאָקטער האָט מען מורא אַרויסצוזאָגען אַ איבעריג וואָרט ווער ווייסט וועט זיך דען אינטערנעמען פין דאָקטער צי בעטן אָפּען לאָזען די טיר, א.ד.ג. וועגן יחוד, אין דער אמת גלייבען מיר אָבער אין די הייליגע ווערטער פין די חז"ל וואָס האָבען אונז געלערנט (ב"ק פ"ה) אַז די תורה האָט געגעבן די רעכט פאַר'ן איד צו גיין צום דאָקטער, און אויב נישט וואָלטען מיר טאַקע נישט געטאָרט, נאָר וואַרטען אויף די רפואה פין הימעל גראָד, אָהנע פאַרמיטלונג פין דאָקטער, אָבער גיין צו אַ דאָקטער ווען עס איז פאַרבינדען מיט איסור יחוד האָט די תורה נישט ערלויבט.

אידען מאמינים בני מאמינים ווייסען און גלייבען אַז דער דאָקטער היילט נישט ער איז בלויז אַ שליח פין רבש"ע, נישט מער! און אויב ח"ו מען ווייזט נישט פין הימעל קען דער דאָקטער נישט העלפן (עי' היטב בתפלה להרמב"ם קודם עסקו ברפואות, כי נורא הוא) עס פאַרלאַנגט זיך דאָך הימלישע הילף אַז דער דאָקטער זאָל צוטרעפן וואָס מען דאַרף צום היילען, אַזוי ווי מען זעהט טאָג טעגליך אַז ווען די רפואה איז נישט באַשערט טרעפט מען נישט דעם ריכטיגען דאָקטער, און טייל מאָל פאַרזעהט דער דאָקטער דעם ריכטיגען קראַנקהייט, דאָס איז אויסער שווערע צענדליגע קראַנקהייטען וואָס עס איז בכלל נישטאָ קיין הייל מיטעל קעגן זיי. דעריבער איז דאָן דער צייט נאָכמער אַכטונג צו געבן אויף יחוד מיט עהנליכס, ווייל דאָרט ווי די קדושה ווערט נאָכגעלאָזט טרעט די שכינה אָפּ (תצא, ולא יראה ערות דבר ושב מאחריך) און אַודאי נישט מורא און בושה האָבען צו זאָגען פאַר'ן דאָקטער

וועגן יחוד אָדער אַנדערע קורבה, פאַר'ן רבש"ע וואָס איז דער ריכטיגער רופא כל בשר דאַרף מען מורא האָבן נישט פון דאָקטער!

ח) וועגן דעם ענין פון בושה דערמאָנט שוין דער רמב"ם (סוף ה' איסור ביאה) אַז די גרויסע חכמים פלעגן בעטן די תלמידים מ'זאָל זיי אויסהיטען פון יחוד פון די אייגענע טעכטער, נאָר כדי צו ווייזען פאַר די תלמידים אַז מען טאָר זיך נישט שעמען (עי' מס' קידושין בסופו).

ט) עס איז כדאי אָראָפּצוברענגען אַ מעשה שהי' וואָס צייגט אַ בילד ווי ווייט בושה ווירקט ביי די זאַכען, אַ היימישער חשובער ת"ח פלעגט גיין זיך היילען דורך עלעקטער (שטראַלען) ביי אַ ערליכע אלמנה. וואָס האָט געהאַט די מאַשינקע דערצו, שטענדיג פלעגט ער געוואָרענט זיין אַז די טיר זאָל זיך נישט פאַרשפאַרען, איינמאָל האָט זיך עס פאַרשפאַרט האָט ער געבעטען פון איר אַ טובה זי זאָל עס עפענען וועגן יחוד, איז זי אָנגעצינדען געוואָרען מיט כעס זאָגענדיג איך בין דען נישט אַ ערליכע אידענע? און זי האָט אים אַרויסגעטריבען פון שטיב איבערלאָזענדיג אומגעהיילט. (מובא בהק' לס' דבר הלכה ונודע לו מיהו הת"ח).

י) די מוסר השכל פון די פּאַסירונג זענען פיל, ערשטענס טאָקע צוליב מורא פון אַזעלכע און עהנליכעס צ.ב.ש. יענער זאָל זיך ח"ו נישט באַליידיגען האָט מען מורא צו זאָגען וואָס מען דאַרף, און מיט אַ רוהיג געמיט איז מען עובר יעדער רגע אַ איסור דאורייתא.

יא) דאָס צווייטע אַז די אלמנה האָט פשוט נאָר צוליב'ן נישט וויסען די הלכה פון יחוד געמיינט אַז דאָס איז נאָר געזאָגט געוואָרען פאַר פריצה'ס, און דערפאַר האָט זי זיך געשפּירט באַליידיקט הערנדיג אַז מען האָט מורא פון יחוד מיט איר, און אַזוי אַרום איז זי מן הסתם צענדליגע מאָל טוענדיג איר אַרבייט געשטרויכעלט געוואָרען אין איסור יחוד, מיינענדיג אַז נישט פאַר אַזעלכע ערליכע ווי איר איז דאָס געמאַכט געוואָרען, וואָלט זי אָבער געוויסט אַז אפילו ביי אַ אידענע וואָס איז גרויס ווי שרה אמנו, איז אויך דאָ איסור יחוד אפילו מיט אַ מאַן וואָס איז גרויס ווי משה רבינו, וואָלט זי אַנדערש אויפגענימען דאָס גאַנצע, און פון זיך אַליינס וואָלט זי אַכטונג געגעבן, פּינקט ווי קיינעם איז נאָכנישט בייגעפאַלען אַז גנב'נען אָדער ליגענט זאָגען איז נאָר געזאָגט געוואָרען פאַר נידריגע ברואים און נישט פאַר געהויבענע צדיקים און צדקניות.

יא*) יחוד איז אפילו דער מאַן איז 90 יאָר אַלט מיט אַ דריי יאָריג מיידעל — אָדער ניין יאָריג יונגעל מיט אַ 90 יאָריגע פרוי. (אה"ע סי' כ"ב ס"א).

יב) צו דעם אַלעם פעלט אָבער אויס צו וויסען אויך די איינצעלהייטען פון איסור יחוד, וואָס דאָס איז די אויפגאַבע פון טאַטן צו לערנען מיט די ווייב און קינדער, און דער עיקר אַרויסברענגען אַלע טעגליכעביישפילען אין שטיב ווי אויך אין דער פרעמד ווען עס קימט פאַר יחוד, און מדריך זיין וואָס צו טוהן עפ״י תורה, (און אַזוי ווי עס קימט נישט אָן לייכט דורכצי־לערנען די הלכות פון יחוד און געדענקען אין געציילטע מינוט״ן בפרט פאַר פרויען און קינדער דעריבער זאָל יעדער אָנזאָגען אין שטיב אַז ווען עס טרעפט אַז מען איז מיט אַ פרעמדע פרוי אין איין שטיב אָדער דירה זאָל מען זאָפאַרט אַרויסגיין און נישט בלייבען דאָרט איין רגע, אַזוי ווי דאָס איז אָבער זייער שווער צו זאָגען פאַר אַ פרעמדן וואָס קימט אין שטיב „גיי אַרויס״ און דאָס קימט אָפט פאַר אַז אינמיטען טאָג ווען קיינער איז נישט אינדערהיים קימט אַריין אַ — משולח — באַקאַנטער — דעליווערער — טעלעפאָן אַרבייטער — עלעקטריקער — פלאָמבער (וואַסער לייטונג פאַרעכטער) אד״ג, זאָל מען געוואָרענט זיין נישט אָנהייבען אַריינצולאָזען קיין שום מאַן׳ס פערזאָן, צדקה זאָל מען געבן דורך די שפּאַלטענס פון טיר אָדער פאַרלאַנגען מען זאָל קימען ווען דער מאַן איז אינדערהיים, ווייל צדקה דורך איסור יחוד איז סייווי גאַרנישט ווערט, (יוסף אומץ 287), אַ פעקל זאָל מען הייסען אַראָפּלייגען נעבן די טיר און ווען יענער גייט אַוועק נעמט מען עס אַריין, אַ אַרבייטער זאָל מען בעטן צו קימען ווען דער מאַן איז אינדערהיים, דאָס זעלבע ווען די קינדער זענען אַליינס אין שטיב זאָלען זיי קיינעם נישט עפענען.

יג) יעדענפאַלס ביי יעדע קאָמפּליצירטע באַוועגונג זאָל מען פרעגן אַ מורה הוראה מובהק.

יד) נאָך אַ וויכטיגען פונקט וואָס מיר מיזען באַטאָנען דאָס טראַצדעם וואָס ביי פאַרשידענע אומשטענדן פון יחוד קען מען טרעפן היתרים (צ.ב.ש. דער היתר פון זיין אַליינס מיט אַ פרוי אויב איר מאַן איז אין שטאָט, אָדער מיט אָפענע טיר, א.ד.ג.), פינדעסטוועגן דאָך שרייבען די ראשונים אַז אַ באַשיידענער אָפּגעהיטענער איד דאַרף מחמיר זיין אפילו דאָרט ווי עס איז דאָ אָפאַר היתרים אינאיינעם, (רבינו יונה בס׳ היראה ח״ד, רבינו ירוחם נכ״ג ח״א, שו״ת מהרש״ם ח״ב במפתח לאה״ע ע״ו) און לויט געוויסע פוסקים ליגט אַ פליכט אויף די אַלע וואָס דאַווענען נוסח האריז״ל (וואָס ריפט זיך ספרד) זיך צו דערווייטערן פון מיאוסע זאַכען, און מחמיר זיין ביי אַלע איסורים און אויך איסור יחוד, (עי׳ היטב שו״ת השיב משה, סי׳ ז׳, ע״ש).

# הלכות יחוד

## פרק א

א) איסור יחוד מיינט אַז עס איז פאַרבאָטן און אַ איסור אויף אַ מאַן און אַ פרוי צו זיין אַליינס צוזאַמען אין איין שטיב.

ב) דער זמן פון איסור יחוד הייבט זיך אָהן ביי יונגלעך פון ניין יאָר און העכער, און ביי מיידלעך פון דריי יאָר און העכער (זעה פרק ז׳ פינקטליך).

ג) דאָס איז געזאָגט געוואָרען אפילו קעגן די גוים, אַ מאַן טאָר נישט זיין מיט אַ גוי׳טע וואָס איז עלטער פון דריי יאָר, און אַ פרוי טאָר נישט זיין מיט אַ גוי וואָס איז עלטער פון ניין יאָר, (אה״ע כ״ב סעי׳ ב׳).

ד) אפילו מיט קרובים (נאָענטע משפחה) טאָר מען אויך נישט זיין צוזאַם אַליינס, צ.ב.ש. אַ מאַן (בחור, יונגעל) מיט מומעס, (עלטערע מומעס), שוועגערענס, ברידער׳ס טעכטער (און אייניקלעך), שוועסטעו״ס טעכטער (און אייניקלעך), קאָזינס, שוויגער, שוויגער׳ס מוטער, שווער׳ס מוטער, א.ד.ג. דאָס זעלבע אַ פרוי (אָדער מיידעל) טאָר נישט זיין אַליינס מיט אירע פעטערס, עלטערע פעטערס, שוואָגערס, ברידער׳ס זוהן, שוועסטערס זוהן (אָדער זייערע אייניקלעך), שווער, שוויגערס פאָטער, שווערס פאָטער, (אָדער זיידע, א.אַ.וו.), (שם סעי׳ א׳, ובכל הפוסקים).

ה) די זענען די איינציגע קרובים מיט וועמען מען מעג זיין גאַנץ אַליין:

א] אַ מאַן מיט זיין ווייב וואָס מיינט נאָך די חתונה, אָבער נישט אַלץ חתן־כלה, (רש״י, ר״ן, ריטב״א, מרדכי כתובות ז:, ב״י, רמ״א, ח״מ אה״ע סי׳ נ״ה).

ב] אַ טאַטע מיט זיין ריכטיגע טאָכטער, נישט אַ שטיף טאָכטער, און נישט קיין אַדאַפּטירטע (אויפציה) טאָכטער (זעה ווייטער פרק ) [דער וואָס איז מחמיר ביי דעם זאָל זיין געבענטשט] (רא״ש, פסקי הרא״ש, סמ״ג יש״ש, קנ״ב א, עי׳ בס׳ היראה, מסגה״ש).

ג] אַ מאַמע מיט איר ריכטיגע זוהן, נישט קיין שטיף זוהן, און נישט קיין סתם אויפציה זוהן, (זעה דאָרט). [דער וואָס איז מחמיר ביי דעם זאָל זיין געבענטשט]. (רא״ש, יש״ש, מסגה״ש קנ״ב א׳).

ד] אַ זיידע מיט זיינע [ריכטיגע] אייניקלעך, איר אייניקלעך, א.אַ.וו. (עי' פת"ש סק"ב בשם הב"ח, ועי' שו"ת אמרי דוד סי' ל"ב) [דער וואָס איז מחמיר זאָל זיין געבענטשט] (פשוט דהוא כ"ש מאו' ב' הנ"ל).

ה] אַ באָבע מיט אירע [ריכטיגע] אייניקלעך, איר אייניקלעך, א.אַ. וו. (שם, ועי' עזר מקודש או' א) [דער וואָס איז מחמיר ביי דעם זאָל זיין געבענטשט] (כ"ש מאו' ב' הנ"ל).

ו] אַ ברידער מיט אַ שוועסטער, מעגען זיין ציזאַם אָבער נישט וואוינען צוזאַם, (זעה ווייטער אות טז). דער וואָס איז אינגאַנצן מחמיר ביי יחוד פין אַ שוועסטער זאָל זיין געבענטשט, (תוס', רא"ש, פסקי הרא"ש, ריא"ז בגליון הרי"ף, יש"ש, ח"מ סק"א חכמ"א כלל קכ"ו, ערוה"ש, רבינו יונה בס' היראה, מסגה"ש שם).

ו) די אַלע אויבענדערמאַנטע היתרים זענען נאָר אין אַ שטאָט וואָס די מענטשען ווייסען אַז דאָס איז אַ טאַטע מיט אַ טאָכטער, אָדער אַ ברידער מיט אַ שוועסטער, א.אַ.וו. אויב נישט, צ.ב.ש. ער פאָרט אין דער פרעמד און וואוינט אין אַ האָטעל (גאַסטהויז) מיט די שוועסטער טאָר מען נישט, (באדר"נ פב כ' לא יתייחד אדם עם הנשים בפונדק אפי' עם אחותו ועם בתו מפני דעת הבריות דהיינו שאינן מכירין אותן, ומטעם זה החמיר בשו"ת אמרי יושר ח"ב סי' מ"ג, ובס' תוס' ירושלים, ע"ש. וכעי"ז מצינו ברכות מג: ונ' דלכאורה ה"ה ביחוד של חמש נשים שמותר אפילו לדור עמהן ביחד בקביעות בבית אחד ביום ובלילה כדלקמן (פרק ב' ענף כג) ג"כ אסור במקום שאין מכירין אותן, וכן היתירא דבעלה בעיר, וכן להמתירין יחוד עם אשה אחת כשאמו, או בתו, או אחותו שם — או כשאביה, בנה, אחיה, שם (עי' פרק ט'). כל הני כיון דהתירן מטעם קורבה אסורין במקום שאין מכירין וצ"ע). אָבער אַ מאַן מיטן ווייב איז מותר (שם).

ז) אָבער אַ שווער מיט זיין שניר, אָדער מיט די שנירען פין זיינע קינדער [כאָטש מען ריפט זיי אייניקלעך] טאָרען נישט זיין צוזאַם אַליינס (שו"ע בסעי' א').

ח) דאָס גלייכען אַ שוויגער מיט איר איידעם, אָדער די איידעם פין אירע קינדער [וואָס מען ריפט זיי אייניקלעך] טאָרן אויך נישט זיין צוזאַם אַליינס.

ט) ביי געוויסע קרובים זענען די אומשטענדן פין איסור יחוד גרינגער, אַז כאָטש געוועגליך טאָר אַ מאַן נישט זיין בייטאָג מיט ווייניגער פין דריי פרויען, איז מיט די קרובות ערלויבט מיט בלויז צוויי פרויען, (זעה פרק ב' אויספירליך).

י) אַמאָל איז אַ קרוב אַ פעלער ביי יחוד אויב אַ פרוי שפירט זיך נאָנט און היימיש צו איר קרוב טאָר זי זיך נישט פאַרלאָזען אויף געוויסע היתירים וואָס אין אַלגעמיין פאַרלאָזט מען זיך יאָ (היינו היתר בעלה בעיר, או פתח פתוח, זעה פרק ה' או ד'*, פרק ו' ג'*).

יא) אַמאָל ווען בית דין האָט געהאַט אַ כח פלעגט מען געבן קלעפּ (מכות) פאַר די מאַן און פרוי וואָס זענען באַגאַנגען דעם איסור פון יחוד (קידושין פא, אה"ע שם סעי' ב').

יב*) מען דאַרף געדענקען אַז די אַלע היתירים פון יחוד מיט נאָנטע (זעה פרק ב') מיינט אויסדריקלעך נישט קיין שטיף נאָנטע, (אַזוי ווי שטיף עלטערן, א.ד.ג.) ווייל זיי האָבן דעם דין ווי פרעמדע, און נאָך ערגער (מטעם דלבו גס בה).

יב) עס איז אַ כלל אויף שטענדיג אַז ביי אַ פּלאַץ ווי עס געפינט זיך אַ מאַן מיט זיין ווייב, אויף יענעם פּלאַץ איז שוין נישטאָ קיין יחוד פאַר קיין שום מאַן אָדער פרוי וואָס זענען דאָרט, נישט קיין חילוק וויפיל מענער אָדער פרויען זענען דאָרט. אויסער ביי געוויסע אויסנאָם פעלער, זעה פרק ה* או' ד, ואו' יא, (שו"ע סעי' ג־ה') אָבער אַ טאַטע מיט זיין טאָכטער, מאַמע מיטן זוהן, ברידער מיט'ן שוועסטער, איז דאָס נישט געזאָגט געוואָרען (זעה פינקטלעך פרק ב' בסופו או' ה').

יג) אָבער דאָרט ווי אַ גוי איז מיט זיין גוי'שע פרוי העלפט דאָס גאַרנישט און עס איז דאַ דאָרט איסור יחוד (סעי' ג).

## כללים וועגן יחוד

יד) ווייטער דערמאָנען מיר ביי געוויסע פאַלען פון יחוד אַז עס איז נאָר מותר מיטן תנאי (באַדינג) אַז דער מאַן איז נישט נאָנט מיט די פרוי, צוליב משפחה נאָנטקייט, אָדער צוליב דעם וואָס זיי זענען ביידע אויפגע־וואַקסען צוזאַם אַזוי ווי שטיף געשוויסטער, אָדער צוליב אַנדערע טעמים, און אויב יאָ דאַמאָלטס איז נישט מותר, דעריבער ווילען מיר דאָ ווייטער ציטירען פון די פוסקים פאַרשידענע ביישפּילען וואָס זיי נעמען אָן אַז דורך דעם איז דער מאַן נאָנט מיט די פרוי דאַרך כשר'ע וועגן,[אויב נישט זעה דעם דין פרק ג' או' ד'].

1) אַ מאַן מיט זיין קרובה [אַזוי ווי אַ טאַטע'ס אָדער מאַמע'ס שוועסטערס, אָדער מיט זיין ברידער'ס און שוועסטער'ס טעכטער, אָדער אַ ברידער'ס ווייב וואָס מען איז נאָנט מיט איר, בפרט יונגלעך אין עלטער פון ניין יאָר מיט זייערע שוועגערנס, מיט קאַזינס א.ד.ג.] אָדער מיט איינע וואָס ער איז מיט איר אינאיינעם אויפגעוואַקסען, (דבר הלכה סי' ז' אות טו, בשם רמב"ם, סמ"ג, מאירי טוש"ע).

אַ מאַן מיט זיין מאַמע'ס ברידער'ס ווייב, א.ד.ג. (שם בשם בית יהודה) אָבער טאָמער איז מען נישט נאָנט באַפריינדעט מיט די קרובות האָט זי די הלכה ווי אַ סתם פרעמדע פרוי (שם או' טז בשם עזר מקודש, וחזו"א).

2) אויב אַ מאַן האָט באַקאַנטשאַפט מיט אַ פרוי דורך נאָנטע געשעפט־ליכע פאַרבינדונגען, (ערוה״ש).

3) אַ פרוי וואָס האָט אַ שטענדיגע משרת איר צו באַדינען, דאָס זעלבע אַ מאַן וואָס האָט אַ פרוי משרת (ברכ״י).

4) דער וואָס ציהט אויף אַ יתום, אָדער יתומה אין שטיב אפילו די קינדער ווייסען נישט אַז דאָס זענען נישט זייערע עלטערן (דבר הלכה שם כ׳ בשם חזו״א).

יד*) מיר דערמאָנען ווייטער געוויסע הלכות ווי עס איז דאָ אַ נפקא מינה אויב דער מאַן איז אַ ערליכער אָפגעהיטענער אָדער נישט (בלשון השו״ע „פרוץ״). דעריבער וועלן מיר אויסרעכענען געוויסע אופנים וואָס ווערט באַטראַכט פין די פוסקים אַלס נישט ערליך:

1) דער וואָס איז נישט געוואָרענט אין די הלכות פין יחוד, און איז מיט יחוד מיט פרויען וואָס ער טאָר נישט, כל שכן ערגער׳ס פין דעם הייסט אַ נישט ערליכער (דבר הלכה סי׳ ט׳ אר׳ ג׳ דכן משמע מתוס׳, רז״ה, רא״ש, רי״ו, נימוק״י, טור, רמ״א, ח״מ, ב״ש) אויב מען איז אים נאָר חושד אַז ער געט נישט אַכטונג אויף יחוד זאָל מען פרעגן אַ שאלה (דבמרדכי פ״ב דכתובות סי׳ קמ״ז הביא פלוגתא ומובא גם באבה״ע סי׳ ו׳ בב״י, וברמ״א סי׳ קע״ח ולא הכריעו, ובנימין זאב סי׳ קל״ד דעתו להחמיר, וכן בחכמ״א כלל קכ״ו ס״ה).

2) אַ סתם עם הארץ [די באַדייטונג שטייט אין שו״ע חו״מ סי׳ לד סעי׳ יז] (רשב״א ח״א תקפ״ז, ר״ן, גר״א סקי״א, דבה״ל שם אר׳ ד).

3) אויב איינער איז פאַרדעכטיגט אַז ער איז עובר אַ איסור ווילענדיג, הייסט ער אַ נישט ערליכער (חכמ״א שם, דבה״ל שם).

טו) כאָטש די ערגסטע אופן פין יחוד איז ווען עס זענען צוזאַם בלויז איין (1) מאַן מיט איין (1) פרוי פינדעסטוועגן איז דאָ דער איסור יחוד ביי מער אויך ווי מיר ברענגען אין די ווייטערדיגע פרקים (עי׳ שו״ת רשב״א סי׳ תקפ״ז, ושו״ת חו״י סי׳ ע״ג, וחכמ״א בבינ״א סי׳ קכ״ו כולם מעידין פה אחד דאיסור דאורייתא ליכא אלא חד בחד, ובשאר אינו אלא מדרבנן).

טז) מיט אַ שוועסטער מעג מען נאָר זיין צייטווייליג דאָס מיינט זיי מעגן באַזוכען איינער דעם צווייטען אפילו זיי זענען אַליינס אָבער וואוינען צוזאַמען טאָר מען נישט (סמ״ק מ׳ צט, רא״ש סוף קידושין, ר״ן שם, ריא״ז, מהרש״ל, פרישה, חלקת מחוקק סק״א, משל״א ה׳ איסורי ביאה פ״א ה״ג, הפלא״ה בט׳ נתיבות לשבת סי׳ כב ס״ה, שו״ת בית יהודה אבה״ע סי׳ יג, חכמ״א קכ״ו סי״ב, פרח מט״א ח״ב צה, אבני נזר אה״ע רל״ג, ובחקרי לב אבה״ע סי׳ יז כ׳ דלענין הלכה יש להקל דרוב פוסקים ס״ל הכי, וגם שנראה שהמנהג להתיר).

טייל פוסקים אַסר׳ן אפילו צייטווייליג (ר׳ ירוחם, נכ״ג ח״א, אורחות חיים להרא״ש אר׳ צז, רדב״ז ח״ז סי׳ לב, ב״ש סק״א, עוד יוסף חי — שופטים ג׳, צוף דבש, ועי׳

יפל"ל ח"ה, והחיד"א ביוסף אומץ סי' כו כ' דדעת הראב"ן, רמב"ם, טור, רי"ו ושו"ע דאין להתייחד עם אחותו, ובשיעור של פרקים עי' אמרי יושר ח"ב סי' מ"ג דעד שלשים יום מקרי לפרקים). דער וואס איז מחמיר זאל זיין געבענטשט (עי' לעיל או' ה' אות קטן ו' ציון הפוסקים).

אויב איינער וואוינט מיט א פרוי וואס איז מותר יחוד [צ.ב.ש. א ווייב, מוטער, טאכטער], און מיטן שוועסטער און עס פאסירט אז ער בלייבט סאך מאל אליינס מיטן שוועסטער הייסט דאס אויך נאר צייטווייליג, (ערך ש"י אבה"ע סי' כב. דבר הלכה סי' ב' או' ה' בשם חזו"א זצ"ל).

יז) ביי די אלע אופנים ווען יחוד איז מותר מיט א פרוי, איז נישט קיין חילוק אויב עס איז א מיידעל, אדער א פרוי וואס האט א מאן (דבר הלכה סי' א' או' ג' בשם משל"מ ה' סוטה פ"א ה"ג).

## שמירה [אפהיטונג] דורך קרובים

יח) אויב איינער איז מיט זיין מוטער — אדער טאכטער — אדער שוועסטער איז דאס נישט גענוג אז א פרעמדע פרוי זאל אויך מעגן דארט זיין, (הפלא"ה בנתל"ש סי' כב סק"ד, חיד"א ביוסף אומץ סי' כו, פת"ש סק"ב בשם זכול"א).

טייל פוסקים האלטען אז יא (שו"ת בית שלמה ח"א או"ח סי' מח דבשעת הדחק המקיל לא הפסיד, הגר"ח פלאג"י בשו"ת חיים ושלום סי' יט, וכ' בדבר הלכה סי' ח' או' ד' דכן מוכח מהראנ"ח סי' ד', וכ"מ בש"ס גיטין, וכתובות ע"ש. וכן שמע שפסק כן הגאון חזון איש זצ"ל ודעתו של ס' דבר הלכה דמהני גם למי שלבו גס בה, ולמי שעסקו עם הנשים, ולפרוץ) דעריבער זאל מען פרעגן א שאלה.

יט) טייל זאגען אז א פרוי מעג זיין מיט א מאן אפילו זי איז נאנט מיט אים [זעה אויבען או' יד]. אדער מיט איינעם וואס האנדעלט מיט פרויען, אפילו מיט א פרייער איד, אדער א גוי (להבדיל) — אויב איר פאטער, אדער זין, אדער ברידער זענען מיט איר (דבר הלכה סי' ח' או' ו') דעריבער אויב עס קימט פאר זאל מען פרעגן א שאלה.

כ) זעלבסטפארשטענדליך אז ביינאכט אדער אינטערוועגנס מיז זיין נאך א שומר (דבר הלכה שם ז' בשם חזו"א).

## פרק ב — ענף א

## היתר יחוד מיט צוויי פרויען

א) א פרוי טאר נישט זיין אליינס אין א שטיב מיט א פרעמדן מאן, אדער אינגעל פין ניין יאר און העכער נאר אויב איר מאן איז מיט איר דאמאלטס מעג זי זיין מיט יעדן (און עס איז קיין ענין שום נישט מחמיר צו זיין).

ב) אויב איר מאַן איז נישט מיט איר מיז זי האָבען מיט זיך איינע פין די קרובים וואָס ווערען אויסגערעכענט אין שו״ע (אה״ע כב, י).

אַ שניר מיט אַ שוויגער, אַ פרוי מיט איר מאַנ׳ס טאָכטער אפילו ערוואַקסענע, אַ פרוי מיט איר שוויגער׳ס טאָכטער (שוועגערין) אָדער מיט איר מאַנ׳ס ברידער׳ס פרוי (שוועגערין). אָדער מיט צוויי ווייבער פין זעלבן מאַן (וואָס איז נישט שייך ביי אונז), אויב אויסער די מאַן און פרוי איז דאָ דאָרט אַ קליין יונגעל, אָדער מיידעל איז אויך נישטאָ קיין יחוד (זעה די הלכות פרק ד׳).

## ווען יחוד מיט צוויי שוועגערנס איז אסור

ט) דער היתר פין צוויי שוועגערינס צוזאַם (ברידער׳ס ווייבער) איז נאָר אויב זיי זענען ברידער׳ס פין זעלבן טאַטע׳ן, אויב נאָר פין מאַמע׳ן, נישט (עי׳ היטב קידושין פא: נוסח הגמרא „מתייחס אדם עם שתי יבמות״ ופירש״י שתי יבמות נשי שני אחין ששונאות זו את זו כשתי צרות שדואגות שמא תפול ליבום לפני בעלה ותעשה לה צרה, וכ״כ רש״י ביבמות קיז, ובתוס׳ שם, ומאירי, בהל׳ יבום, וטור אבה״ע סי׳ יז ופרישה או׳ לג, ב״ש ס״ק יד, ומבואר ביבמות דף כב ובאבה״ע ה׳ יבום וחליצה סי׳ קנז ס״א דאין יבום אלא באחין מן האב, ע״ש).

י) אויב די פרויען זענען שוועסטערס זאָל מען פרעגן אַ שאלה (כי בפשטות כיון דהטעם שמא יהיו צרות לאחר זמן כמו שכתבתי במ״מ לאו׳ ה׳ א״כ בכה״ג לעולם לא יבאו לבית אחד, וה״ה בכיוצא בשאר אופן שלא יפלו לבית אחד וכו׳ בדבר הלכה סי׳ ה׳ או׳ ב׳ דלדעת הרבה פוסקים אסור יחוד בזה, והם רש״י תוס׳, או״ז, מאירי, טור, פרישה, ב״ש, אבל הרבה פוסקים ס״ל דלהרמב״ם לעולם שתי יבמות (שוועגערינס) מותרות, והם ה״ה, עזרת נשים (להגר״מ חביב) רע״א בתשובה רכב, ובהג׳ על שו״ע אה״ע סי׳ י״ז סק״ט, וגם דעת המחבר סי׳ קמ״א סנ״ד דאפי׳ אחותה אינה נאמנת עלי׳, וברכ״י סי׳ יז סק״ו, ע״ש).

יא) אויב די שוועגערענס האָבען קינדער זאָל מען פרעגן אַ שאלה (עי׳ דבר הלכה שם או׳ ג׳ דלפוסקים הנ״ל האוסרים בשתי אחיות מ״מ בזה שרי כ״מ מהב״ש, מל״מ, שער המים, עצ״א, הגרעק״א, פ״ת, מיהו בהמאירי משמע לכאורה דאסור, ע״כ).

יב) אויב אפילו נאָר איינע פין די שוועגערנס איז גי׳גט, אָדער אַ אלמנה זאָל מען פרעגן אַ שאלה (עי׳ דבר הלכה או׳ ד׳).

יג) היינטיגע צייטען זאָל מען שטענדיג פרעגן אַ שאלה אויב מען וויל זיין מיט יחוד פין צוויי שוועגערנס, (מעבודת הגרשוני סי׳ עו, וכנסת יחזקאל סי׳ מה משמע דגם בזה״ז אף שאין נוהגין ביבום איכא היתר יחוד עם יבמות, וכ״מ בחכמ״א כלל קכו, טהרת ישראל כב, חפץ חיים בנדחי ישראל פכ״ד ס״ח שסתמו כשו״ע ולא העירו ע״ז כלום, וע״ש בדבר הלכה או׳ ה׳ שהניחו בצ״ע.

## היתר פין יחוד מיט אַ פרוי און איר שוויגער

יד) דער היתר פין זיין צוזאם מיט אַ פרוי און איר שוויגער, דאָס איז נאָר אויב עס איז אַ ריכטיגע שוויגער (דער מוטער פונעם מאַן פין די פרוי), אָבער נישט אַ שטיף שוויגער [דאָס ווייב פין ריכטיגען שווער] (דבה"ל בשם מאירי, פת"ש סי' יז ס"ק כו, בשם זכל"א, מסגה"ש סי' קנב ז).

טו) אויב איינער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פרוי נאָכדעם וואָס זיין פאָטער האָט שוין נישט געלעבט און ער האָט גאָרנישט גע'ירשנט פין טאַטען, טאָר מען נישט זיין אַליינס מיט די פרוי און איר שוויגער (מהרי"ט ח"ב לא, נו"ב מהד"ת סי' סד מובא בפת"ש סי' יז ס"ק כז, ערך ש׳ אבה"ע סי' יז סוס"ד), טייל זענען מתיר (זכול"א ומראה"צ).

אויב ער האָט חתונה געהאַט ווען זיין פאָטער האָט געלעבט נאָכדעם איז זיין פאָטער געשטאָרבען און האָט נישט איבערגעלאָזט קיין ירושה דאַרף מען פרעגן אַ שאלה (י"א דאסור ביחוד ברית אברהם, ערך ש׳, והנו"ב מסתפק, עי' דבה"ל י).

## היתר יחוד מיט אַ פרוי און איר מאַן'ס שוועסטער

טז) דער היתר פין יחוד מיט זיי איז אפילו אויב דער מאַן און זיין שוועסטער זענען געשוויסטער בלויז פין איין מוטער, (מהרח"ש, מל"מ פי"ב מה"ג הט"ז, ב"מ סי' יז ס"ד, ועוד, דבה"ל יז).

אויב זיי זענען בלויז פין איין פאָטער דאַמאָלטס איז יחוד אסור, (דבר הלכה שם או' יט בשם הפוסקים).

יז) דער היתר איז נאָר אויב דער מאַן האָט חתונה געהאַט מיט זיין פרוי ווען זיין מאַמע האָט געלעבט, דאַמאָלטס בלייבט דער היתר אפילו שפעטער ווען זי לעבט שוין נישט, אָבער אויב ער האָט חתונה געהאַט ווען זיין מאַמע האָט נישט געלעבט דאַמאָלטס איז נישטאָ קיין היתר פין יחוד מיט זיי (עי' בס' בני דוד להגר"ד פאלקון זצ"ל, בקונ' עגונות בסוף הספר או' תקעד, מובא בדבה"ל יח וכן בנו"ב שם, וערל"נ בסוגיא דיבמות, דהלא היתר בת חמותה מטעם דכיון דאמה סניא לה היא נמי סניא לה, וכיון שכן אין השנאה יוצאה מבת גם אחר מיתת האם, משא"כ בנשא אשה אחר מיתת אמו לא שרתה עדיין שנאה כלל).

## פאַרשידענס

יח) די אַלע אויבענדערמאָנטע פרויען וואָס מ'האָט מתיר געווען יחוד מיט זיי [אפילו זיי זענען בלויז צוויי] אויב זיי זענען קרובות איינע פאַרן

צווייטע צ.ב.ש. געשוויסטער קינדער (קאַזינס) א.ד.ג. זאָל מען פרעגן אַ שאלה (דשם פליגי הפוסקים עי' אפי זוטרא, שו"ת מים חיים (להגר"ח ראפפורט) שו"ת נהרי אפרסמון אבה"ע סי' יא).

יט) דער היתר פון יחוד מיט אַ פרוי און איר שוויגער — אָדער אַ פרוי און איר מאַן'ס שוועסטער — אָדער אַ פרוי און איר מאַן'ס טאָכטער, איז נישט געזאָגט געוואָרען אויב איר מאַן לעבט שוין נישט, אָדער ער האָט זיך גע'גט פון איר, (דבר הלכה סי' ה או' כב בשם הפוסקים).

כ) אפילו דער וואָס איז באַשעפטיגט מיט פרויען מעג זיין ביחוד מיט זיי אויב זיי זענען פון די אויבענדערמאַנטע פינעף סאָרט פרויען, (לבוש, ב"ש, אפי זוטרא), טייל פוסקים אסר'ן (ארץ צבי סקי"ט, נשכ"ח ח"כב סי' א, ב"ש סקי"ד בשם לבוש, פני משה סקי"ב, אפ"ז ס"ק כא, תאוה לעינים קידושין, שער יוסף להחיד"א סי' ג).

און אַזוי אויך דער וואָס איז נאָנט מיט זיי [זעה באַדייטונג פרק א אות יד], (דבר הלכה אות כג).

כא) אפילו מיט אַ נישט ערליכען איד איז מותר יחוד פאַר די אויבענ־דערמאַנטע פרויען, און אפילו מיט אַ גוי, (דבר הלכה כד בשם הפוסקים).

כב) דאָס זעלבע פאַרקערט אַ ערליכער מעג זיין מיט די פרויען אפילו זיי זענען פרוצות, (שם).

כג) אפילו אינטערוועגנס, אָדער אין פעלד ווי מענטשען דרייען זיך נישט מעג מען זיין אַליינס מיט די פרויען אָהנע איבריגע שומר [היטער] (מהרש"ל קידושין פ"ז סי' כד, ט"ז סקי"ט) אָבער מיט אַ גוי זאָל מען מחמיר זיין, (עי' דבה"ל או' כה).

כד) דער היתר פון די פרויען איז אפילו צו וואוינען מיט זיי אין איין דירה (פרח מט"א ח"א סי' צה, זכל"א בשם הפמ"א, עין יצחק אבה"ע יז).

כה) דער היתר יחוד פון אַ מאַן'ס פערזאָן מיט אַ פרוי און איר מאַן'ס שוועסטער (שוועגערין) איז נאָר אויב דער מאַן'ס פערזאָן איז נישט קיין ברידער צו איינע פון די צוויי פרויען, אויב יאָ [דאָס מיינט אויב איינער איז צוזאַם מיט זיין שוועסטער ווען איר מאַן'ס שוועסטער איז אויך דאָרט, אָדער אַ ברידער און אַ שוועסטער צוזאַם מיט זייער ברידער'ס ווייב] דאַמאָלטס דאַרף מען פרעגן אַ שאלה (עי' שער המים תשו' סי' טז, ולכאורה הי' נראה להקל דאע"ג דיש לומר דאחותו יחפה עליו, מ"מ לאידך גיסא הרי הפוסקים סתמו ולא חילקו בזה, ועוד יש לצרף דעת הפוסקים דס"ל דאחות מהני לשמירה, עי' לקמן פרק ? הבאתי חילוקי דיעות בזה).

כו) דער היתר פון זיין מיט צוויי פרויען וואָס ווערן אויסגערעכענט פריער (פרק ב' ענף א' או' ב' ג' וכו') אויב די פרויען זענען אין אַ פרעמדע שטאָט — מדינה וואָס מען ווייסט נישט זייער נאָנטקייט דאַרף מען פרעגן אַ שאלה (עמ"ש פרק א' או' ו' במ"מ והערה).

# פרק ב — ענף ב

## איין מאַן — מיט פרויען

א) איין מאַן טאָר נישט זיין אינמיטען טאָג מיט ווייניגער ווי דריי פרויען, (קידושין פ״ב ברש״י, תוס׳ ר״י הזקן, סמ״ג לאוין קכו, נשכ״ח בשם הר״ן, שו״ת הרשב״א תקפז, שער יוסף א, להרחיד״א, מאירי, ר״ת רמ״ש בשמו בתוס׳ הרא״ש, נתיבות השלום נתיב ט, דברי מלכיא־ל ח״ד ק״ב).

טייל פוסקים אסר׳ן יחוד פין איין מאַן [אפילו אַ ערליכען] מיט פרויען, אפילו מיט טויזענט פרויען, (רמב״ם ה׳ א״ב פכ״ב, סמ״ק מצוה צט, אגודה פ״ק דכתובות, כלבו סי׳ עה, תוס׳ בשם ר״מ, רא״ש וטור בשם ר״ת, מרדכי בשם ר״י, רמב״ן, ריטב״א מהרש״ל, וכ״נ דעת האשכול, וכ״כ המהרש״ם להלכה כדיעה זו בשו״ת ח״ג סי׳ קנב).

אַנדערע פוסקים ברענגען אַראָפּ די מחלוקת, אָבער זאָגען נישט קיין מיינונג, (טור, רבינו ירוחם, נכ״ג ח״א, לבוש סי׳ כב, חכ״א כלל קכו דין ד, קש״ע קנב עג, ערוה״ש) פאַר זיך איז דאָס בעסטע מחמיר צו זיין (טהרת ישראל סי׳ כב טו).

זעלבסטפאַרשטענדליך אַז אפילו לויט די פוסקים וואָס זענען מתיר — אויב דער מאַן איז געשעפטליך פאַרבינדען מיט די פרויען, טאָר ער נישט, אפילו אויב זיין ווייב איז אויך דאָרט [זעה אויספירליך פרק ג אות ד].

אָבער מיט דריי קליינע מיידלעך [וועגען זייער עלטער זעה פריער פרק ד אות ב] מעג מען לויט יעדן איינעם זיין, אפילו מען איז נאָנט מיט זיי און מען האָט געשעפטן מיט זיי (דבר הלכה בשם הפוסקים סי׳ א, ה).

ב) יחוד מיט געוויסע קרובות איז מותר אפילו מיט בלויז צוויי פרויען [זעה פרק ב].

ג) אויב די פרויען זענען נישט ערליכע אָפּגעהיטענע אָדער גוי׳טעס מיז מען פרעגן אַ שאלה (עי׳ דבר הלכה סי׳ י׳ או׳ ב׳ שדעתו להתירא, ומ״מ לא סתמתי להיתר דלפענ״ד תלוי לפי ראות עיני המורה, ולפי הענין).

ד) טייל פוסקים האַלטען אַז אפילו מיט אַ נישט ערליכען מעגן אויך זיין דריי פרויען (שו״ת הרשב״א ח״א תקפז, שו״ת הרדב״ז ח״ג תפ״א, וכ׳ בדבר הלכה סי׳ או׳ ג׳ דכ״מ בסמ״ג ומאירי). טייל האַלטן אַז נישט (המקנה סוף קדושין, שער יוסף סי׳ א׳ להחיד״א, בית משה ארץ הצבי אבה״ע סי׳ כב ס״ק יג) דערפאַר דאַרף מען פרעגן אַ שאלה, כ״ש ביי אַ גוי.

[זעלבסטפאַרשטענדליך אַז דאָס אַלעס איז נאָר לויט די מיינונג וואָס מיר האָבען אויבען, או׳ א׳, דערמאָנט אַז מיט אַ ערליכען מאַן מעגן יאָ זיין דריי פרויען, ווייל לויט די מיינונג אַז נישט טאָר מען דאָ זיכער נישט].

ה) אויב די דריי פרויען זענען נאָנט מיט דעם מאַן [זעה פינקטליך פרק א אות יד, די באַדייטונג] טאָרן זיי נישט זיין צוזאַם, (חכמ״א כלל קכו ס״ד).

ו) ביינאַכט טאָר איין מאַן נישט זיין אפילו מיט אסאַך פרויען, (ב״ח, פנ״י קידושין פ: ועי׳ מסגה״ש סי׳ קנב ח). טייל פוסקים זענען מתיר מיט פיער פרויען, (שו״ת בית יהודה אבה״ע סי׳ יג, הגר״ן הירץ שבשו״ת הרמ״א) זאָל מען פרעגן אַ שאלה, כל שכן אויב זיי שלאָפען אין איין דירה.

ז) אויב מען פאָרט אויף אַ וועג, אָדער אויב מען איז אין אַ שטאָט אָדער דאָרט ווי עס דרייען זיך נישט קיין מענטשן מיז זיין כאָטש פיער פרויען דאַמאָלטס מעג אַ מאַן זיין מיט זיי (פנ״י שם, בית משה אה״ע סק״ט).

ח) די הלכה פון מערערע מענער מיט אסאַך פרויען זעה פרק ג אות ז.

# פרק ג

## איין פרוי מיט מערערע מענער

### בייטאָג אין שטאָט

א) אין שטאָט בייטאָג מעג זיין איין פרוי מיט צוויי ערליכע מענער (הרא״ש, וטור, ורמ״א שם, עי׳ בדבר הלכה סי׳ ט׳ או׳ א׳ שכן דעת כמעט כל הראשונים ואחרונים, ע״ש). עס איז אָבער אַ מדת חסידות זיך צו דערווייטערן דערפון (אבה״ע סי׳ כד, ב״ח, ח״מ, ב״ש).

אָבער מיט פראָסטע מענטשען אפילו צעהן טאָר מען אויך נישט זיין, (רא״ש, רמ״א, וש״א), סתם מענטשען וואָס זענען נישט באַוואוסט אַלס אָפגע־היטענע, און נישט אַלס פראָסטע זענען כשר, (ר״ן קידושין בסופו, רמ״א וש״א).

אויב איינע פון די מענער איז אַ מאַן פאַר די פרוי וואָס איז דאָרט איז אפילו נישטאָ קיין מדת חסידות נישט דאָרט צו זיין און אויך סאַך פון די ווייטער קומענדע הלכות זענען נישט שייך דאָרט, [זעה פינקטלעך פרק ה* אות יד, אַלע איינצעלהייטען].

א*) אויב די צוויי מענער זענען אַ טאַטע מיט זיין זוהן איז אויך כשר (הגר״ח פלאג״י בס׳ ראה חיים פ׳ וישב).

ב) אויב איינע פון די מענער איז אַ ערליכער, און איינער נישט איז אסור (פת״ש סק״ד בשם שב יעקב סי׳ יט, נו״ב מהדו״ק סי סט, וכ״כ המקנה קידושין פ׳ עב, ושו״ת צ״צ (ליובאוויטש) אבה״ע סי׳ לט, ועי׳ דבר הלכה סי׳ ט, ה, דכ״מ מטור ומהרי״ק ע״ש, ובאם שני אנשים הם אב ובן והבן פרוץ ג״כ אסור דאב לא בזיז מבנו, ואם האב לבד פרוץ יש להסתפק, כ״כ בדבר הלכה שם אות ה בהגה״ה).

טייל פוסקים זאָגען אַז מען מעג יאָ (מהרש״ל ביש״ש סוף קידושין סי׳ כא וכ׳ דמה״ט בדרך ג״כ סגי בשנים כשרים ואחד פרוץ, ומה״ט מקילין האידנא בעגלון גוי אם יש שני אנשים כשרים אצלה, וכ״כ בערך ש״י סי׳ כב ס״ה, ויד אהרן (הגר״א אלפאנדרי זצ״ל) על

אבה״ע, זכול״א ח״א אבה״ע אות יחוד, ובח״ג מובא בפת״ש סק״ב, וכן דעת השואל בשב יעקב הנ״ל מובא בפ״ת ובדבה״ל שם, וכ״כ בשו״ת מהרי״ל דיסקין בפסקים סי׳ ב) דעריבער זאָל מען פרעגן אַ שאלה.

ג) די זעלבע פוסקים האַלטען אַז איין ערליכער איד מיט איין גוי איז אויך געניג (עי׳ שם) דעריבער זאָל מען דאָרט אויך פרעגן אַ שאלה.

ד) אויב די צוויי מענער האָבען געשעפטליכע שייכות (פארקער) מיט פרויען דאַמאָלטס זאָל מען פרעגן אַ שאלה (דעת ב״ח והחקרי לב להקל, וכן בעצי ארזים ס״ק יג, והמקנה ודעת הרבה פוסקים דדינם כפרוצים ואסור אפילו להרבה נשים להתייחד עם שנים מהם, ואפילו יותר, כמ״ש הריטב״א בשם הרמב״ן בסוף קידושין, והר״ן בשם „אחרים פי׳״).

אפילו ווען עס זענען דאָ אַסאַך פרויען, און אפילו מיט מער פון צוויי מענער (עי׳ ריטב״א ור״ן שכ׳ שם להדיא דבעסקו עם הנשים אפילו נשים הרבה לא מהני, והחיד״א בשע״י סי׳ ב דכוונת הריטב״א לאסור אפילו ביותר מב׳ אנשים, ור״ן בחידושי אנשי שם על הר״ן סוף קידושין, ע״ש, ועי׳ דבר הלכה סי׳ ט סעיף ו הגה ו). אפילו אויב איינע פון די מענער האָט דאָרט זיין ווייב (זעה ווייטער פרק ה אות יא). אויב צוויי מענער האָבען דאָרט זייערע ווייבער מעג מען יא, (זעה דאָרט).

ה) אויב די צוויי מענער זענען נישט באַשעפטיגט מיט פרויען נאָר זענען באַפריינדעט און נאָענט [דורך כשר׳ע וועגן, זעה פרק א אות יד איינצעלהייטען] מיט איר האָבען זיי די הלכה ווי צוויי ערליכע מענער און מעגן זיין מיט די פרוי (דבר הלכה שם אות ז, וביאור הדברים דמעולה מעסקו עם נשים דעי״ז הוי כפרוץ, משא״כ בלבה גס בהם אינו מטעם פריצות אלא ע״י איזה סיבה, עי׳ פא או׳ יד), וועגן מדת חסידות זעה פריער או׳ א.

ו) צוויי ערליכע מענער מעגן זיין אינאיינעם אפילו מיט אַ נישט ערליכע פרוי, און אפילו מיט אַ גוי׳טע, (דבר הלכה סימן ט אות ט בשם ש״ס ופוסקים. [וצ״ע אם גם שני ילדים יותר מט׳ שנה מהני או דעדיין יראתן קלה, עמ״ש פ״ד או׳ י׳ דאע״ג דילדה מועילה לשמירה, מ״מ בשני ילדות לחוד אסור, ואולי יש לצדד מטעם ספק ספיקא, ספק דלמא דינם כאנשים סתם דכשרים, ואת״ל לא, דלמא מועיל שמירתן כדלעיל פרק ד, ובפרט כאן שהם שנים ואינו אלא מדרבנן, עי׳ ד״ז באורך פ״ד או׳ י׳).

ו*) דריי יונגלעך איבער ניין יאָר מעגן זיין מיט פרויען (עי׳ מ״ש באות הקודם ועי׳ פ״ד אות י׳ ותראה דכ״ש הוא מג׳ אנשים גדולים ועדיף, ע״ש).

ז) אַסאַך פרויען מיט אַסאַך מענער צוזאַמען איז נישטאָ קיין יחוד (רמב״ם הא״ב פכ״ב ה״ח, סמ״ג לאוין קכ״ו, מאירי סוף קידושין, כלבו סי׳ ע״ה שו״ע סע׳ ו׳).

וויפיל מיינט דאָס, טייל פוסקים זאָגען דוקא דריי מענער מיט דריי פרויען (דבר הלכה ט, יא, בשם בית שמואל סק״ח, חיד״א בשע״י סי׳ ב פת״ש סק״ח, ארץ צבי סק״ט אליבא דרמב״ם וסמ״ג). טייל האַלטען אפילו דריי פרויען אפילו מיט בלויז צוויי מענער (חכמ״א כלל קכ״ו ס״ג) אַנדערע פוסקים זענען מתיר אפילו צוויי

מענער מיט צוויי פרויען (מהרש״ל ופרישה בדעת הסמ״ג, ב״ח, ט״ז סק״ג, חקרי לב אבה״ע סי׳ יט, מקנה בס׳ נתיבות לשבת סי׳ כה ס״ה, באה״ט סק״ו מובא בדבה״ל שם).

אויב די מענער זענען נישט ערליכע נאָר פּראָסטע איז דאָ וואָס האַלטען אַז אייביג איז אסור נישט קיין חילוק וויפיל מענער מיט וויפיל פרויען אפילו מער פין דריי, (ריטב״א, ר״ן בשם י״א, חלקת מחוקק סק״ט, בית שמואל סקי״א, חכמ״א שם, וכ״מ במקנה קידושין דף פ״א, וכ׳ החיד״א בשער יוסף סעי׳ ג מאחר דהר״ן ב״ש וח״מ ס״ל כן הכי נקטינן, מובא בפת״ש סק״ה) טייל זענען מתיר (עי׳ דבר הלכה שם או׳ י׳) זאָל מען דעריבער פרעגן אַ שאלה.

## ביינאַכט — אָדער אין פעלד

ח) נאָר בייטאָג מעג אַ פרוי זיין מיט צוויי ערליכע מענער — אָבער ביינאַכט מיז זיין כאָטש דריי מענער ערליכע (ב״י בשם הראב״ד, רמ״א סעי׳ ה׳, חכמ״א כלל קכ״ו, ועי׳ דבר הלכה סי׳ ט׳ אות י״ז שמונה והולך חבל אחרונים דאזלו בשיטה זו והם הפנ״י בקידושין פ:, ב״ח ב״ש ט, בית שלמה או״ח ח״א סי׳ מ״ח, צמח צדק אבה״ע ח״א סי׳ ל״ט, חזו״א) דאַמאָלטס מעג מען אפילו שלאָפען אינאיינעם אין איין דירה (שם).

ט) אפילו בייטאָג אויב מען פאָרט אינטערוועגס [אָדער מען איז אין אַ שטאָט אָדער דאָרף ווי עס דרייען זיך נישט קיין מענטשען] מיז זיין כאָטש דריי ערליכע מענטשען (ב״י בשם הראב״ד, רמ״א סעי׳ ה׳, מאירי סוטה, מהרי״ק, מהר״י וייל, שו״ת בנימין זאב, רש״ל, ב״ש, ט״ז, שו״ת שב יעקב אבה״ע סי׳ י״ט, נו״ב מהדו״ק סי׳ ס״ט מובא בפ״ת סק״ד, זכל״א, חיד״א, צ״צ שם, ועי׳ דבר הלכה סי׳ ט׳ אות י״ב דנקטו האחרונים להלכה כדיעה זו), אויב מען האָט אַ שווערן פּראָבלעם און מען האָט נישט קיין ברירה זאָל מען פרעגן אַ שאלה (עי׳ דבר הלכה סי׳ ט׳ אות י״ג, י״ד, ט״ו, דיש פוסקים המתירים בב׳ בדרך או בשדה בקצת אופנים, ע״ש).

י) אויב עס איז דאָ צוויי ערליכע מענער מיט אַ דריטען נישט קיין ערליכער, אָדער דער דריטער איז אַ גוי, זאָל מען פרעגן אַ שאלה [אַזוי ווי פריער אות ב] (עי׳ לעיל אות ב׳ הבאתי דברי המתירים בעיר — אחד כשר ואחד פרוץ — או גוי, וה״ה בזה, שני כשרים עם פרוץ — או גוי כמבואר בדבריהם).

יא) אויב איינער האָט אַנגעזאָגט פאַר זיין פרוי אַז זי זאָל נישט זיין אַליינס מיט צוויי געוויסע מענטשען, מעגן זיי זיין אַליינס מיט איר ווייל דאָס וואָרענען פין מאַן קען נישט אַרויפלייגן אַ איסור יחוד אויף זיי, אָבער די פרוי ווערט אסור צו וואוינען מיט איר מאַן אויב זי האָט נישט געפאָלגט איר מאַן (רמב״ם ה׳ סוטה פ״ג ה״א, ובשו״ע אה״ע סי׳ קע״ח ס״ה, משל״מ שם, הפלאה כתובות בקו״א סי׳ קט״ו סי״א, שו״ת חת״ס אה״ע ח״ב סי׳ ק״ב ע״ה) [וועגן דעם ענין פין וואָרענען זעה ווייטער פרק ט].

## פרק ד
## דער היתר פין יחוד מיט באַגלייטונג פין קליינע קינדער

די הלכה איז אַ מאַן מעג זיין אַליינס מיט אַ פרעמדע פרוי, אויב עס איז דאַ מיט זיי אַ קליין יונגעל — אַדער מיידעל (אה"ע סי' כ"ב סעי' י').

א) אַ קליין יונגעל איז דאַ גרויסע מחלוקת פין וועלכע עלטער מען קען מיטנעמען וועגן יחוד, טייל זאָגען פין ניין יאָר (המקנה קידושין פ"ב. כו"פ יור"ד קצ"ב ס"ד, ס' עוד יוסף חי פ' שופטים י', חכ"א כלל קכ"ו ט', נתיבות השלום נתיב ט' דין י"א, נדחי ישראל פכ"ד).

טייל זאָגען פין זיבען יאָר (סד"ט יור"ד קצ"ב י"ג).

טייל זאָגען פין זעקס יאָר (דבר הלכה בשם חזו"א ז"ל).

טייל זאָגען פין פינעף יאָר (שו"ת חת"ס אה"ע ח"ב צ"ו, חכמ"א כלל קט"ו).

ביז ווען? איז אויך דאַ פאַרשידענע דיעות. טייל האַלטען אַז מען מעג נעמען אַ יונגעל נאָר ביז ניין יאָר, נישט מער (עזר מקודש ס"ג, פורת יוסף סי' כ"ז אר' ג').

דעריבער זאָל מען פרעגן אַ שאלה.

ב) אַ קליין מיידעל, נישט יונגער פין דריי יאָר (שו"ת מהר"ם זיסקינד, המקנה קידושין פ"ב. נתיבות לשבת סי' כ"ב סעי' כ' סק"ז פורת יוסף כ"ט ב', וכ' דגם דעת הטור והב"ח כן).

טייל זאָגען נישט יונגער פין 5-6 יאָר אַלט (תשו' ר"ש הכהן, צמח צדק סי' ל"ט).

אַנדערע זאָגען אַז יעדעס קינד האָט אַ אַנדערע צייט עס ווענדט זיך אין רייפקייט פין שכל, אויב זי איז גענוג פאַרשטענדליך צו דערציילען אין דרויסען וואָס זי זעהט אין שטיב (ב"ח או"ח סי' מ"ח, ישכיל עבדי ח"ה כ"ב, וכ' ב"ש דאבן הבוחן לנסות כרש"י קידושין פ"א: סופו), זי זאָל אויך נישט זיין עלטער פון ניין יאָר (ב"ח, פת"ש ס"ק י"ב בשם הב"ח, חכמ"א כלל קט"ו סק"ט. מסגה"ש קנ"ז ז', שו"ת בית שלמה, שו"ת בצל החכמה ח"ב נ"ט ועוד), אַסאַך זענען מתיר ביז צוועלעף יאָר, (פנים מאירות ח"ב קל"א, עזר מקודש סעי' ג', פורת יוסף כ"ד בשם הר"ש, עצי ארזים).

דעריבער קומט אויס, אין קורצען: ביז דריי יאָר איז גאָרנישט ווערט, פין דריי יאָר ביז פינעף-זעקס יאָר איז דאַ אַ מחלוקת, דאַרף מען פרעגן אַ שאלה פין פינף-זעקס יאָר ביז ניין יאָר אויב זי איז פאַרשטענדליך נאָכצו־דערציילען וואָס זי זעהט אין שטיב קען זי אויסהיטען פין יחוד, פין ניין ביז צוועלעף יאָר מיז מען פרעגן אַ שאלה, פין צוועלעף יאָר און העכער האָט זי דעם דין פין יעדע ערוואַקסענע פרוי.

ג) טייל פוסקים האַלטען אַז אַ קינד, (יונגעל אָדער מיידעל) מיז זיין דירעקט אַ פרעמדע, (מר״ם זיסקינד ר״ו, מעשה נסים כ״ב), אַנדערע זענען מתיר אויך אייגענע (דבר הלכה סי׳ ד׳ סק״ג דכן משמע מסתימת המפרשים והפוסקים, וכ״כ בשו״ת בצל החכמה סי׳ ע״א וש״א).

ד) אפילו צו פאָרען אויף אַ וועג, אָדער אין אַ דאָרף ווי עס געפינען זיך נישט קיין מענטשען מעג אַ מאַן זיין אַליינס מיט איין פרוי אויב עס איז דאָ מיט זיי אַ יונגעל אָדער מיידעל (ט״ז, דרישה, אפי זוטרי, חכמ״א כלל קכ״ו בשם אחרונים, שם ארי׳, וכ׳ העזר מקודש דהמנהג פשוט להקל, והאוסר הוא המהרש״ל וכ׳ בדבה״ל סי׳ ד׳ או׳ ח׳ דמיירי עם גוי, ע״ע אות הסמוך).

ה) אויב אַ פרוי וויל מיטנעמען אַ קינד כדי זי זאָל קענען פאָרען מיט אַ גוי אַליינס זאָל מען פרעגן אַ שאלה (הפוסקים שהבאתי באו׳ ה׳ מתירים גם בכה״ג. מיהו הב״ח, ח״מ, ב״ש, כולם בשם מהרש״ל אוסרים, עי׳ עוד דבר הלכה סי׳ ד׳ או׳ ח׳).

ו) אפילו מיט אַזאַ פרוי וואָס מען שפירט זיך נאָנט צו איהר [זעה באַדייטונג פרק א׳ או׳ י״ד] מעג מען אויך זיין אינאיינעם אויב עס איז דאָ דאָרט אַ קליין יונגעל אָדער מיידעל, (דבר הלכה סי׳ ד׳ או׳ ו׳), אַזוי אויך מיט אַ פרוי וואָס איז אַ אידענע אָבער נישט קיין אָפגעהיטענע איז מותר (שם ז׳). אויב זי איז אַ גויטע [אָדער ספק גוי׳טע] זאָל מען פרעגן אַ שאלה.

ז) אפילו מיט אַ נישט ערליכען איד מעג אַ פרוי מיט אַ קינד זיין אַליינס (שם או׳ ד׳ בשם תוס׳ ע״ז כ״ה ע״ב, רמב״ם ה׳ איסורי ביאה פכ״ב, ושו״ע)בעסער איז צו פרעגן אַ שאלה (כי לאו כל אנפין שוין, והמורה יראה לפי הענין).

ח) אפילו דער וואָס באַשעפטיגט זיך מיט פרויען [אַזוי ווי אַ דאָקטער] איז מותר פאַר אַ פרוי צו זיין מיט אַ קינד ביי אים, (שם בשם חקרי לב), בעסער צו פרעגן אַ שאלה (עמ״ש או׳ ח׳).

ט) אָבער אַ מאַן [פון דרייצען יאָר און העכער] טאָר נישט זיין מיט בלויז צוויי קליינע מיידלעך, אָבער מיט דריי מעג ער יאָ זיין אפילו מיט די וואָס ער איז מיט זיי באַפריינדעט, און באַשעפטיגט מיט זיי (עי׳ דבר הלכה (סי׳ י׳ או׳ ה׳) דבג׳ ילדות פשיטא דשרי בכ״ע דכ״מ מהפוסקים, ובשתי ילדות צ״ע, ע״ש).

[ועמ״ש פרק ג׳ או׳ ו׳ דצ״ע הדין באשה עם שני ילדים זכרים קטנים דהוי כמו בדין שתי ילדות נכנסנו בבית הספק אע״ג דגדולה וקטנה שרי, וע״כ מטעם דקטנה מספרת בשוק אם רואית תמוה אצל גדולה לא כן אצל חברתה נוחין להתפתות שניהם כמו שוני נשים גדולים, וכמו״כ י״ל בילדים זכרים דרק במקום גדולים דינו כשומר, ולאידך גיסא י״ל דבזכרים פשיטא דשרי, ומטעם, דבנקבות י״ל דב׳ קטנות נוחין להתפתות כמו דקי״ל בב׳ גדולות, משא״כ בב׳ זכרים הרי בב׳ גדולים ג״כ שרי יחוד, וא״כ נאמר כ״ש זכרים קטנים שהרי לענין ג׳ קטנות אנו מקילין יותר מג׳ גדולות דהרי שרינן אפילו בעסקו עם הנשים ולבו גס בהן, וה״ה ב׳ זכרים קטנים קיל מב׳ גדולים ושרי במכ״ש משם, וצ״ע].

## היתר יחוד דורך קינדער — ביינאַכט

י) ביינאַכט, טאָר אַ מאַן נישט זיין מיט אַ פרוי כאָטש עס איז דאָ דאָרט אַ יונגעל אָדער מיידעל וועגן חשש אַז דאָס קינד וועט איינשלאָפען בלייבט מען מיט יחוד, (שו״ת חתם סופר אה״ע ח״ב סי׳ צ״ו).דעריבער איז נאָר מותר מיט אַ קינד ביינאַכט, אויב דאָס קינד איז וואַך (שלאָפט נישט), און נאָר אויף איינע פון די פאָלגענדע אופנים:

1) צוויי מענער מיט אַ פרוי און אַ קינד (והטעם כמו שכ׳ הרמ״א סעי׳ ה׳ דבלילה בעינן ג׳ אנשים שאם יישן אחד ישארו ב׳, וה״ה כאן דהחשש שמא יישן הקטן (קטנה) מ״מ ישארו ב׳ אנשים [וה״ה בסמוך בשאר אופנים הטעם כן ודו״ק], וכמו שכתבתי למעלה פרק ג׳ או׳ א׳ דב׳ אנשים די לענין יחוד, ואע״ג שכתבתי שם דמדת חסידות להחמיר, מ״מ אולי כאן לכו״ע שרי כיון דבאמת התינוק (תינוקת) ער רק שחוששין דלמא יישן, וא״כ הוי חומרא יתירה, ובפרט ביחוד כזו שאינו אלא מדרבנן, וכ״נ קצת מסתימת האחרונים שלא העירו בזה, ולמעשה צ״ע).

2) אַ מאַן מיט איין פרוי מיט צוויי קינדער יונגלעך — אָדער מיידלעך — אָדער אַ יונגעל און אַ מיידעל (עי׳ מ״מ באות הקודם ותבין).

3) איין מאַן מיט דריי פרויען און אַ קינד זאָל מען פרעגן אַ שאלה, (הנה לכאורה לפמ״ש במספר 1, במראה מקומות ה״ה כאן דשרי דאם יישן התינוק הרי עדיין נשארו ג׳ נשים, ולשינת תרי לא חיישינן כנ״ל, ואם יישן אשה ישאר התינוק, ואעפ״כ לא סתמתי להקל מטעם שהלא כבר כתבתי לעיל פרק ב׳* או׳ א׳ דנכון להחמיר ביחוד עם נשים, ואע״ג דשאני הכא שיש שם תינוק, הלא נוסף לזה דעת כמה אחרונים דיחוד עם נשים אסורה בלילה לעולם כמובא שם או׳ ב׳, וע״כ הדבר מסור לחכמי המורים שיכריעו בדעתם הרחבה לפי הענין).

4) אָבער איין מאַן מיט צוויי פרויען און אַ קינד טאָר מען זיכער נישט (פשוט דעם יישן התינוק ישאר עם שתי נשים וזה אסור, (שם או׳ א׳, ב׳).

## פרק ה — ענף א
## היתר אַז דער מאַן איז אין שטאָט

געדענקט דעם כלל, אַז דער היתר פון „בעלה בעיר״ (דער מאַן איז אין שטאָט) איז נישט לכל הדיעות, טייל האַלטען אַז דאָס איז אסור, (רש״י קידושין פ״א, ר״ן, תוס׳ ר״י הזקן, ובית יהודה דעתו דכ״ה דעת הרי״ף והרא״ש, ב״ח, ח״מ סקי״ב, ושו״ת הרד״ה חשש לשיטה זו, וכן בעמודי אור סי׳ צ״ה או׳ י״ב, ועי׳ המקנה שם), טייל זענען מתיר (תוס׳, טור שם, תוס׳ הרא״ש, מאירי, כלבו ע״ה, רמב״ם, רדב״ז ח״ג תפ״א, יש״ש קדושין פ״ד דין כ״ב, לבוש, שיו״ב ט״ז סק״ז, קש״ע כלל קנ״ב סעי׳ ד׳, אורי וישעי סי׳ ח׳, דובב מישרים ח״א סי׳ ה׳, דבר הלכה בשם בעל חזו״א ועוד) [זעה ווייטער, די תנאים וואָס פעלט אויס צום היתר]. דעריבער זאָל מען זיך נישט מקיל זיין אָהנע שאלה פין אַ מורה הוראה.

א) אינטערוועגנס, אדער אין א דארף מעג זי זיין אליינס מיט א מאן, אויב איר מאן איז דארט (רש״ש, ורד״ל סוטה דף ז׳, פת״ש סק״ב בשם זכור לאברהם).

ב) אויב איר מאן האט איר געזאגט אויסדריקלעך אז מיט יענעם געוויסען מענטש זאל זי נישט זיין אליינס, העלפט נישט דער היתר (ח״מ וב״ש ס״ק י״ג).

ג) דארט ווי עס העלפט דער היתר מעג מען דארט זיין אפילו עס איז דא דארט נאך א פרוי וואס איר מאן איז נישט אין זעלבן שטאט, כאטש אין אלגעמיין טאר מען נישט זיין מיט בלויז צוויי פרויען (זעה פרק ב׳ ענף ב׳).

ד) דער רבינו ירוחם שרייבט: אז א ערליכער איידעלער איד אפילו אויב דער מאן איז אין שטאט דארף ער דאך מחמיר זיין זיך צו דער־ווייטערן פין יחוד מיט די פרוי (מובא בשיו״ב שם, ויוסף אומץ סי׳ צ״ז), נאך אנדערע פוסקים האלטען אז עס איז ראטזאם פאר א ירא״ש מחמיר צו זיין, (פני משה סק״י, עזר מקודש סק״א, בשו״ע עם טעמים).

ה) טייל זענען מתיר אפילו אויב די יחוד איז נישט אין איר הויז [בבעלה בעיר] (החיד״א בשיו״ב, ויוסף אומץ צ״ז), אנדערע פוסקים זענען אבער מחמיר און נישט מתיר נאר ביי איר אין שטיב, (כסא אלי׳, נשמת כ״ח ח״ב סי׳ א׳, נתיבות לשבת סק״ד־ה׳, מאורי אור, חכ״א כלל קכ״ו, הפלא״ה, נדרי זריזין להג׳ מהרש״ק).

ו) אויב זי מיט׳ן מאן זענען אין א פרעמדע שטאט אדער מדינה, וואס מען ווייסט נישט דארט אז זיי זענען א פאר פאלק (זיווג) דארף מען פרעגן א שאלה (זעה פרק א׳ או׳ ו׳ ובמ״מ שם).

ז) טאמער זי ווייסט אז דער מאן גייט אוועק אויף א לענגערע צייט, צ.ב.ש. צו די ארבעט, חתונה, דאווענען, ארויס פון געגענט, א.ד.ג. העלפט נישט דער היתר (כסא אליהו, סי׳ כ״ב, עמודי אור סי׳ צ״ה או׳ י״ב, אפי זוטרא סקי״ח, עין יצחק להג׳ מקאוונא בסופו תשו׳ הגרצ״ה, ובענין דעת המתירים עי׳ דבר הלכה סי׳ ז׳ או׳ ד׳), בפרט היינט וואס עקזיסטירט א טעלעפאן און זי קען וויסען אויף זיכער אז דער מאן איז יעצט ערגעץ ווייט, פאלט אוועק כמעט אלע היתרים, (שנבנו על יסוד דלמא שב וניחם לחזור לביתו, מיהו טעם הרגש אימה בבעלה בעיר עדיין במקומה עומדת).

ח) אויב זי איז נאנט מיט דעם מענטש צוליב קרובות, א.ד.ג. העלפט נישט דער היתר (מאירי תה״ד סי׳ רמ״ד, ח״מ, ב״ש ס״ק י״ג), [די באדייטונג פין נאנט זעה פריער פרק א׳ או׳ י״ד].

ט) אויב זי האט מיט דעם מאן נאנטע געשעפטליכע פארבינדונגען איז דא א מחלוקת אויב עס העלפט דער היתר (עי׳ דבר הלכה סי׳ ז׳ או׳ ח׳, ומקרי בלשה״ק עסקו עם הנשים).

**י) אויב דער היתר העלפט פאַר יחוד מיט אַ גוי, איז אויך אַ קלער?** (עי׳ תאוה לעינים קידושין של״ב, לחם סתרים ע״ז כ״ה:, שער יוסף תשו׳ ג׳, נוה שלום, נשכ״ח ח״ב סי׳ א׳, רדב״ז, בינ״א מובא בפ״ת סק״ג).

**דאָס זעלבע ביי יחוד מיט אַ געמיינעם מענטש** (דבר הלכה סי׳ ז׳ ו׳ ומיקרי פרוץ).

**יא) אויב דער מאַן איז אין תפיסה, אָדער ער איז אַ שוטה, אָדער קראַנק און ליגט אין שפּיטאָל, אָדער אויב מאַן און ווייב זענען אָפּגעטיילט איז אַ גרויסער ספק אויב מען מעג זיין מיט די פרוי** (עי׳ דבר הלכה סי׳ ז׳ י״א).

## פרק ה — ענף ב
## היתר יחוד פאַר אַ מאַן אויב זיין פרוי איז אין שטאָט

**א) טייל פוסקים זאָגען אַז אַ מאַן מעג זיין אין אַ שטיב מיט איין פרוי אין זיין דירה ווי ער וואוינט אויב זיין ווייב איז אין זעלבן שטאָט,** (ב״ש ס״ק כ״ב, אמרי יושר ח״ב סי׳ ט׳ סק״ח), **די הלכה איז אַזוי ווי רוב פוסקים האַלטען אַז עס העלפט נישט נאָר אויב זיין ווייב איז צוזאַם מיט אין אין שטיב,** (מאירי קידושין פ. בני חייא (לבעל כנה״ג), מעשה רוקח על הרמב״ם ה׳ ת״ת פ״ב, עזר מקודש סוף סע׳ ה׳, מהרש״ם ח״ד סי׳ קמ״ח), **היינטיגע צייטען מיז לויט אַלע פוסקים די ווייב זיין דוקא אין שטיב מיט אים,** (פשוט מאד כי המעיין במקור יסוד ההיתר והוא הכ״מ על הרמב״ם ה׳ ת״ת פ״ב ה״ד, וכן באמרי יושר הנ״ל יראה כי טעם ההיתר משום כל כבודה בת מלך פנימה ומסתמא תבא תיכף לביתה, וזה הי׳ בימים ההם כפי הנראה מדברי הטור באבה״ע סוף סי׳ ע״ג שכ׳ וז״ל אבל גנאי לאשה שתהא יוצאת תמיד בחוץ פעם פעם ברחובות ויש לבעל למנוע אשתו מזה שלא יניחנה לצאת אלא כמו פעם בחודש או פעמים בחודש כפי הצורך שאין יופי לאשה אלא לישב בזוית ביתה שנאמר כל כבודה בת מלך פנימה, עכ״ל.

ופוק חזי מ״ש הלבוש (במנהגים, אחר או״ח) [עמ״ש בס״ח מובא בב״ח וב״ש אה״ע בענין אמירת שהשמחה במעונו במקום שאנשים ונשים בחדר אחד], וז״ל עכשיו אין נזהרין בזה אפשר משום דנשים מורגלות בינינו עכשיו הרבה בין האנשים (במשא ומתן, אומנות, חניות, וכיוצא, הערת דפ״ק ל״ת ל״ה) וכו׳ עכ״ל.

והחזיק אחריו בדרך פקודיך (מל״ת ל״ה חלק הדיבור או׳ ח׳) וז״ל דבעת שהיו קרן ישראל על מכונו והיתה הפרנסה מצוי׳ לא הי׳ רואים שום אשה בחוץ כי לא היו עוסקים במשא ומתן כו׳ ע״ש.

היוצא מדבריהם כי המה כבר ראו בימיהם החדש שנתחדש להיות אשה מסבבת בחוצות כדרך אנשים ולא כדורות הראשונים — האחרונים, וא״כ נפלא האי היתירא בבירא, וכמבואר בלשון האמרי יושר שכ׳ בזה״ל, משא״כ כשהיא כאניות סוחר שדרכה לסבב תמיד בשוקים לא מהני, ע״ש, ודו״ק).

ב*) אויב זיי זענען אינטערוועגס זאָל מען פרעגן אַ שאלה [זעה פרק ה׳ ענף א׳ ג*].

ב) אויב זי איז נישט אין שטיב ממש, אָבער זי איז אין אַ צווייטען שטיב אינעם זעלבן הויף זאָל מען פרעגן אַ שאלה פון אַ רב, (דעת בני חייא (לבעל כנה״ג), ומעשה רוקח שם, ודבר הלכה בשם ברכ״י, דדינו כמו עמו בבית, ע״ש).

די אַלע היתרים זענען נאָר אויב דער מאַן איז אין זיין וואוינונג אָרט, אָבער נישט ערגעץ אַנדערש, (עי׳ במ״מ הנ״ל של המתירים, באו׳ א׳ הנ״ל, ומה שהארכתי שם, ותראה כי כל עיקר ההיתר דמרתת שאשתו יבא לבית, ומסתמא תבא מטעם כל כבודה וגו׳ וזה שייך בבית דירתה, והוא פשוט מאד).

## פרק ה — ענף ג

## התירים פון מאַן מיט זיין פרוי צוזאַם

### (אַ פרוי היט אָפ דעם מאַן)

א) יעדע פרוי וואָס מען טאָר נישט זיין מיט איר אַליינס, אויב מען איז דאָרט מיטן ווייב מעג די פרוי אויך דאָרט זיין, (התירו פשוט במשנה קידושין פ:, טוש״ע סעי׳ ג׳, וכל האחרונים), [זעה פרק ב* או׳ א׳ טייל פוסקים אַסרן איין מאַן צו זיין אפילו מיט אַסאַך פרויען, אָבער אויב זיין ווייב איז דאָרט מעג ער].

ב) זיין פרוי מיז זיין מיט אים אין זיין דירה, אויב נישט טאָר מען נישט, (עי׳ מ״ש פרק ה׳ ענף א׳ או׳ ו׳, והארכתי בענף ב׳ בכל פרטיה).

ג) אויב זיין ווייב איז מיט אים מעג ער זיין אפילו מיט אַ פרוי וואָס ער איז היימיש און נאָנט מיט איר, אַזוי ווי צום ביישפיל זיין ברידער׳ס און שוועסטער׳ס טעכטער, שניר, שוועגערן, שוויגער, עלטער שוויגער, שטיף מאַמע, שטיף באָבע, שטיף טאָכטער, שטיף אייניקעל, א.ד.ג., (החיד״א בשער יוסף תשובה ג׳, שו״ת הראנ״ח סי׳ צ״א).

ד) אפילו מיט אַ פרייער איד, פראָסט און געמיין מעג אַ פרוי זיין צוזאַם אויב זיין פרוי איז דאָרט, (ע״ז כ״ה., ב״ח סי׳ כ״ב, פרישה שם כ״א, אה״ע סי׳ כ״ב סעי׳ ה׳ לפ״ד הש״ך יור״ד קנ״ג, ב״ח, ש״ך, ט״ז, יור״ד סי׳ קנ״ג, עצי ארזים סקי״ג, חקרי לב אה״ע סי׳ י״ט), אָבער אויב די פרוי האָט געשעפטליכע פאַרבינדונגען מיט דעם מאַן, טאָר דער מאַן נישט זיין מיט איר אפילו אויב זיין ווייב איז דאָרט, (זעה או׳ י״א, פרק ג׳ או׳ ד׳).

ה) אויב זיין ווייב זעהט נישט (בלינד ל״ע), דאַרף מען פרעגן אַ שאלה, (אפי זוטרא סק״ח אוסר, ועי׳ דבר הלכה סי׳ ו׳ או׳ ח׳).

ו) אויך אינטערוועגס, אָדער אַליינס אין אַ שטאָט איז גענוג וואָס זיין פרוי איז מיט אים, (פת״ש סק״ב בשם זכ״ל, רד״ל סוף קידושין, פני יהושע דף פ:).

ז) אפילו ביינאַכט אין צייט פון שלאָפען איז געוויינלעך זיין פרוי מיט אים, (משנה שם, מאירי, ופנ"י).

ט) גוים אפילו מערערע צוזאַם מיט זייערע ווייבער העלפט נישט קעגן יחוד אַז אַ אידישע פרוי, אָדער מאַן, זאָל מעגן דאָרט זיין, (ע"ז כ"ה, יור"ד סי' קנ"ג, סעי' ד', אה"ע סעי' ג', ואחרונים).

י) איינער וואָס אַרבעט אַליינס צוזאַמען מיט פרויען, טייל האַלטען אַז ער מעג אויב זיין ווייב איז אויך דאָרט, (רמב"ם שו"ע ס"ז, רא"ש שלהי קידושין בשם ר"ח, עצי הארזים סקי"ג, חקרי לב אה"ע סי' י"ט, מהר"ש אלגאזי בספר תאוה לעינים), טייל האַלטען אַז עס העלפט נישט, (תוס' קידושין פ"ב., רא"ש קידושין שם בשם ר"ת, מרדכי, סמ"ק מצוה צ"ט, אגודה פ"ק דכתובות, גר"א, והחיד"א בשער יוסף סי' א' כ' דבשנים שעסקן עם הנשים ונשותיהן עמהם מותר לכו"ע), דעריבער זאָל מען פרעגן אַ שאלה.

יא) טייל פוסקים זאָגען אַז דער וואָס איז באַשעפטיגט מיט פרויען טאָר נישט זיין אַליינס מיט זיי אפילו זיין אייגענע פרוי איז אויך דאָרט, (תוס' קידושין פ"ב. בשם הר"מ, רא"ש בשם ר"ת, מרדכי, סמ"ק מצוה צ"ט, אגודה כתובות פ"א, ים של שלמה סוף קידושין, גר"א, והט"ז סק"ו דיש לחוש ולהחמיר), אַנדערע פוסקים זענען מתיר, (רמב"ם, שו"ע ס"ז, כנה"ג סי' ר"ב, וחקרי לב אבה"ע סי' י"ט כ' דגם לדעת רש"י, תוס' ר"י הזקן, סמ"ג, רמב"ן, רשב"א, ריטב"א, דמחמרי בעסקי עם הנשים מודי דאשתו משמרתו, וכ"נ ברמ"א שהזכיר להחמיר בעסקו כו' ולא זכר דלא מהני אשתו), זאָל מען פרעגן אַ שאלה [זעה פרק ג' אר' ד']. אָבער צוויי מענער וואָס זענען באַשעפטיגט מיט פרויען, און זייערע ווייבער זענען דאָרט, איז לויט יעדן איינעם מותר, (חיד"א בשער יוסף דבה"ל סי' ו' או' ו').

יב) אפילו ביי אַ פראָסטען איד [זעה באַדייטונג אר' יד*] העלפט קעגן יחוד אויב זיין ווייב איז דאָרט, (ב"ח כאן, וביור"ד סי' קנ"ז, דרישה י"א, ט"ז יור"ד שם, ש"ך שם תאוה לעינים סי' של"ב, חיד"א בשער יוסף סי' ג', חקרי לב סי' י"ט), אָבער גוים אפילו אַסאַך מיט זייערע ווייבער העלפט נישט, (יור"ד סי' קנ"ג).

יג) אַ פרעמדע פרוי מעג וואוינען ביי אים שטענדיג, אויב זיין ווייב איז מיט אים, (ראנ"ח צ"א, פרח מט"א ח"א צ"ה, זכול"א אר' יחוד שו"ת עין יצחק סי' ע"ז סק"ה, חיד"א ביוסף אומץ סי' כ"ו).

יד) אַ מאַן מעג זיין מיט אַ גוי'טע אויב איר מאַן איז דאָרט מיט איר אין זעלבן שטיב, (שו"ת צור יעקב סי' ט"ז, עזר מקודש, פת"ש אבה"ע סי' ד' ס"ק כ"ג, הגהות רד"ל קידושין פ"א).

טו) אפילו דער מאַן איז אין אַ צווייט שטיב, אָדער אין אַ צווייט הויז אינעם זעלבן הויף איז נישטאָ קיין איסור צו זיין מיט זיין פרוי אפילו איינער וואָס איז נאָענט מיט איר, (בני חייא, מעשה רוקח, חיד"א בשער יוסף סי' ג').

### (אַ מאַן היט אָפּ זיין פרוי)

טז) פינקט אַזוי ווי אַ מאַן מעג זיין מיט פרויען, אויב זיין ווייב איז אויך דאָרט דאָס זעלבע אַ מאַן מעג אויך זיין מיט אַ פרוי אויב איר מאַן איז דאָרט, (סעי׳ ה׳, עי׳ דבר הלכה סי׳ ז׳ בהגה או׳ כ׳ בשם הפוסקים דהבעל יותר משמר אשתו ממה שהאשה משמרת בעלה, וא״כ כל הקולות דהתם הם כ״ש לכאן). כאָטש מיר האָבען דערמאָנט (פרק ג׳) אַז אַ פרוי מעג זיין מיט צוויי פרעמדע מענער, פינדעסטוועגן איז אַ גרויסע אינטערשייד אין די הלכה אויב איינס פין די צוויי מענער איז איר אייגענע מאַן, אָדער זיי זענען צוויי פרעמדע מענער, די חילוקים זענען פאָלגענד:

1) אַ פרוי טאָר נישט זיין אינטערוועגס אפילו בייטאָג מיט ווייניגער פין דריי מענער — דאָס זעלבע ביינאַכט אפילו אין שטאָט — אָדער בייטאָג אין אַ שטאָט וואָס איז ליידיג און קיינער איז נישט דאָרט מיזען אויך זיין כאָטש דריי מענער (זעה אויספירליך אין פרק ג׳, או׳ ח׳ ט׳ י׳).

אָבער אויב איר מאַן איז דאָרט איז אַלס מותר אפילו מיט בלויז צוויי מענער, ביי די אַלע אופנים, (עי׳ לעיל או׳ לענין שמירת אשה את בעלה, וכ״ש הכא, ועפ״י הכלל שהנחתי במ״מ לאו׳ י״ד בשם דבר הלכה).

2) אַ פרוי טאָר נישט זיין אַליינס אפילו מיט אַסאַך מענער אויב זיי זענען פאַרדאָרבענע, נישט אָפּגעהיטענע (זעה פרק ג׳ או׳ ד׳ ז׳) — אויב איר מאַן איז דאָרט מעג זי יאָ זיין, (דהרי לדעת השו״ע, סמ״ג, רדב״ז, חיד״א מהרי״ט, ורד״ל אפילו בעלה בעיר מהני בכה״ג, כ״ש בבעלה שם לכו״ע שרי, עי׳ דבר הלכה סי׳ ז׳ או׳ ר׳).

3) עס איז אַ חסידות מען זאָל זיך דערווייטערן פין אַ יחוד פון אַ פרוי מיט צוויי מענער (עי׳ שם) — אָבער אויב דער מאַן איז צווישען זיי מעג מען, (עי׳ שם ותראה כי בבעלה עמה אין שום פקפוק).

4) אויב די צוויי מענער האָבען געשעפטליכע פאַרבינדונגען מיט די פרוי טאָרן זיי נישט זיין מיט איר (זעה פרק ג׳ או׳ ד׳), אָבער אויב איינע פין די צוויי איז איר מאַן מעג מען יאָ, (דבר פשוט לא ניתן ליכתב מרוב פשיטותו שהרי הבעל בחזקת כשרות דהרי עסקו עם אשתו, וא״כ מועיל לשמור אשתו מהשני).

## פרק ו

## היתר פון אָפענע טיר־פענסטער, צו די גאַס

א) אַ שטיב וואָס האָט אַ אָפענע טיר צו די גאַס איז נישטאָ דאָרט קיין יחוד, (קידושין פ״א. רמב״ם, שו״ע ס״ט), [זעה ווייטער או׳ ג׳]. אויב די שטיב איז נישט אָפען דאַמאָלטס דאַרף מען פרעגן אַ שאלה, (עי׳ שער יוסף להחיד״א סי׳ ד׳, ובחכ״א, עי׳ רעק״א סי׳ ק׳ תשו׳ בית מאיר).

ב) אַ שטיב וואָס האָט פענסטערס צו די גאַס, וואָס מען קען זען יעדעס ווינקעל, הייסט שוין נישט יחוד, (נו"ב מהד"ק סי' ע"א, עזר מקודש, יד יצחק ח"ג סי' ר"כ או' ב', בית מאיר מובא בשו"ת רעק"א סי' ק' מסגה"ש קנ"ב סוסק"י). דאָס איז אַ גרויסע נפקא מינה ביים איינקויפען־פּאַרקויפען אין געשעפטן, און דעריבער דאַרף מען וויסען זיכער אַז יעדעס ווינקעל קען מען זען פון אינדרויסען (כנ"ל בעזמק"ו), און אודאי אַז דער פענסטער זאָל נישט זיין פאַרהאַנגען מיט אַ פירהאַנג, א.ד.ג.

און דאָס העלפט נאָר אויב דער שטיב ווי מען איז האָט פענסטער צו די גאַס, און נאָר אַזאַ גאַס וואָס מענטשען דרייען זיך, און נאָר די צייט ווען זיי גייען דאָרט, (עי' מראה מקומות לאו' ב' ותביז), זעלבסטפאַרשטענדליך אַז די פענסטערס וואָס זענען הויעך און מען קען נישט אַריינקיקען דורך זיי פון די גאַס איז גאַרנישט ווערט.

ג) אויב מען גייט אַ שטיב אַריינצור העלפט נישט וואָס די אויסענווייניגסטע שטיב האָט פענסטערס צו די גאַס, (הג' מהרש"ק בנדרי זרוזין, ח"ב, בתשו' שבסוף הס' סי' ט', וע"ע בי"ש או"ח ח"א, מ"ח).

ד) אַ אָפענע טיר צו די גאַס ביינאַכט, זאָגען טייל פוסקים אַז נאָר די ערשטע ביינאַכט שעה'ן מעג מען יחוד, נאָך 3־2 שעה נישט, (באה"ט סק"ט בשם כנה"ג, חכ"א כלל קכ"ו ז', קש"ע קנ"ב ס"ה, טוטו"ד או' ה', ישכיל עבדי ח"ד סי' ג'), ווייל מענטשען דרייען זיך שוין נישט אויף דער גאַס.

ה) דער היתר פון אַ אָפענע טיר [אָדער פענסטער] האַלטען עטליכע פוסקים אַז דאָס איז אַ היתר אפילו לכתחילה, (שו"ת שער יוסף ג'), און טייל האַלטען אַז נאָר בדיעבד, (ערוה"ש סעי' ו').

ו) אויב זי איז נאָענט מיט אַ מאַן, [זעה פרק א' או' י"ד די באַדייטונג] העלפט נישט דער היתר, (רי"ו נכ"ג ח"א, ח"מ י"ג ב"ש י"ג, נו"ב מהד"ת סי' י"ח, ברכ"י יור"ד רמ"ה), טייל פוסקים זענען מתיר, (ברכ"י סי' כ"ב בשם תוס', רמב"ם, סמ"ג, ט"ז סק"ח, בינ"א סי' י"ח).

ז) אַזוי אויך אויב דער מאַן האָט איר אָנגעזאָגט אַז זי זאָל נישט זיין אַליינס מיט יענעם באַשטימטען מענטש, העלפט נישט דער היתר (שם).

ח) דער רבינו יונה שרייבט: דאָס בעסטע איז אַכטונג צו געבן נישט צו זיין אַליינס מיט אַ פרוי אפילו די טיר איז אָפען צו די גאַס, (ס' היראה או' רל"ז).

און אַזוי שרייבט דער רבינו ירוחם: אַז אַ אָפּגעהיטענער באַשיידענער מענטש דאַרף זיך דערווייטערן פון יחוד אפילו ווען די טיר איז אָפען צו די גאַס, און איר מאַן איז אין שטאָט, (רי"ו, נכ"ג ח"א).

ט) ווייטער איז דאָ אַ פאַרפּלאָנטערטע קלער אין די פוסקים אויב די טיר מיז ממש אָפען זיין, אָדער עס איז גענוג אויב עס איז נישט צוגע־

שפּאַרט, טייל האַלטען אַז די טיר איז צוגעמאַכט נישט פאַרשפּאַרט איז נישטאָ קיין יחוד, (שו"ת הרשב"א אלף רנ"ה, תשו' הרדב"ז ח"א קכ"א, ר"י בס' היראה או' רל"ה, שו"ת בנין ציון סי' קל"ח, עזר מקודש, מהרש"ם ח"ב ע"ו).

טייל זאָגען אַז דאָס הייסט יחוד, ביז דער טיר וועט זיין געהעריג אָפען, (שו"ת רעק"א ק', תשו' הג' בית מאיר, הגהות הרד"ל קידושין פ"א, בית שלמה או"ח ח"א סי' מ"ח, נחפה בכסף ח"ב סוסי' י"א).

## פרק ח

## ווען דאַרף אַ ירא שמים מחמיר זיין

א) אַ ירא שמים דאַרף מחמיר זיין, קיינמאָל נישט צו זיין אַליינס מיט פרויען נישט קיין חילוק וויפיל, אפילו ערליכע (זעה פרק ב' או' ג').

ב) עס איז אַ מדת חסידות אַז צוויי מענער זאָלן נישט זיין מיט איין פרוי (זעה פרק ג' או' א').

ג) אַ ירא שמים זאָל נישט זיין מיט אַ פרוי אפילו איר מאַן איז אין זעלבן שטאָט (זעה פרק ה' או' ב').

ד) אַ ירא שמים טאָר נישט זיין אַליינס מיט אַ פרוי אפילו אויב די טיר איז אָפען צום גאַס, אָדער עס איז דאָ פענסטערס צום גאַס (זעה פרק ו' או' ח'). [ביי די אַלע פלעצער אויב עס איז דאָ דאָרט אַ מאַן מיט זיין ווייב דאַרף קיינער נישט מחמיר זיין].

## פרק ט

## וועגן זאָגן פאַרן ווייב זי זאָל נישט זיין אַליין מיט אַ מאַן

עס איז דאָ אַ הלכה אין שלחן ערוך אַז אַ מאַן זאָל נישט זאָגען פאַר זיין ווייב אפילו צווישן זיך „זאָלסט נישט זיין אַליינס מיט יענעם מאַן" ווייל אויב זי איז יאָ געוועזן קען זיין אַז זי איז דורכדעם אסור אויף אייביג צו איר מאַן, (אה"ע סי' קע"ח ס"ז בשו"ע ורמ"א שם), אָבער נאָר אויב ער רעדט פון אַ באַשטימטען מענטש.

אויב ער האָט זיך פאַרגעסן און יאָ אַזוי געזאָגט זאָל ער מוחל זיין דאָס וואָרענען, אויב ער האָט איר נישט מוחל געוועזן באַלד, נאָר נאָכען זיין אַליינס מיט דעם מאַן איז זי אויף אייביג אסור פאַרן מאַן, (שם וסעי' י"ב).

אין די פוסקים ווערט אויסגערעכענט עהנליכע לשונות (פאַרשידענע סאָרט וואָרענונג) וועלכע האָבען די זעלבע הלכה, און די אופנים וועלכע מען מעג יאָ זאָגען אָהנע שום מורא אַז זי וועט געאָסערט ווערען.

ביי די פאַלגענדע אופנים דאַרף מען אכטונג געבן נישט צו זאָגען, און אויב מען האָט פארגעסן און יאָ געזאָגט זאָל ער עס זאָפאַרט מוחל זיין, אויב פאַר מוחל זיין איז זי געוועזן מיט יחוד מיט דעם מאַן טאָר זי שוין נישט וואוינען מיט איר מאַן (אָהנע שאלה):

א) זאָלסט נישט זיין אַליינס מיט יענעם געווייסען מאַן.

ב) זאָלסט נישט אַריינגיין מיט יענעם אין איין הויז, (שו"ת הרא"ש כלל ל"ב י"ז מובא בכנה"ג סי' קע"ח).

ג) זאָלסט נישט אַריינלאָזען יענעם ביי זיך אין שטיב סיידען (אויסער) אויב נאָך איינער איז מיט דיר אין שטיב, (שו"ת חת"ס אה"ע ח"ב סי' צ"ו).

ד) גיי נישט אַריין אין שטיב פון יענעם בעל הבית, (שו"ת אמרי א"ש אבה"ע סי' ק"ח).

ה) זאָלסט נישט זיין מיט יענעם גוי, (חסד לאברהם מהדו"ק סי' נ"א).

ו) אויב ער זאָגט איר אַז אויב ער וועט טרעפן אין זיין שטיב איר (זיין פרוי) מיט יענעם מאַן וועט ער איז נישט אינדערהיים אפילו די משרתת איז אויך דאָרט וועט ער פאַר זיך אָדער פאַר איר שלעכטס טוהן, (שו"ת מהרש"ם ח"ג סי' קנ"ג).

## די ווייטערע ביישפילען אפילו אויב מען האָט געזאָגט שאַדט נישט

ז) אויב ער האָט געזאָגט רעד נישט מיט יענעם, אָדער זאָלסט נישט האָבען קיין געשעפטן מיט יענעם , (לשון מהרי"ו).

ח) זאָלסט נישט שלאָפען אַליינס אָהן דעם וואָס אַ אַנדערע פרוי שלאָפט מיט דיר, (שו"ת חת"ס אבה"ע ח"ב סי' צ"ו, מובא בפ"ת סי' קע"ח ס"ק י"ד).

ט) זאָלסט נישט זיין אַליינס מיט קיינעם נישט [עס איז גאָרנישט ווייל מען מיז דערמאָנען דירעקט אַ געוויסען מענטש, אָבער סתם זאָלסט נישט זיין מיט קיינעם איז גאָרנישט], (פרישה, פ"ת סוסי' קע"ח).

י) זאָלסט נישט זיין מיט יענעם אַליינס, אפילו אויב יענער צווייטער מענטש איז דאָרט [אויב דער צווייטער מענטש איז נישט פאַרדעכטיג אין זיינע אויגען], (חת"ס שם מובא בפת"ש שם).

יא) אַזוי ווי מען רעדט אויף דיר אַז די האָסט שייכות מיט יענעם גוי דעריבער פון היינט און ווייטער זאָלסטו נישט האָבען קיין שום געשעפטן מיטן גוי, און זאָלסט נישט פאָרען מיט אים אין שטאָט אַריין, (חסד לאברהם מהדו"ק אבה"ע סי' נ"א).

יב) אויב איינער זאָגט זאָלסט נישט זיין אַליינס מיט יענעם ווייל עס איז אַ גרויסע עבירה כאָטש די ביזט חס ושלום נישט פאַרדעכטיגט אין מיינע

אויגען, אָבער דאָס ענין פון גיין אַליינס מיט אַ פרעמדן מאַן איז אַ עבירה, (יד אליהו בפסקים סי׳ ע״ג).

יג) דאָס זעלבע אויב מען זאָגט סתם זאָלסט נישט זיין אַליינס מיט יענעם ווייל יחוד איז אסור, (שם, ועי׳ דבר הלכה שם שכ׳ דהגאון ר׳ איסר זלמן מעלצער החמיר ע״ע, ופעם אמר לאשתו כשרצה לילך מביתו והי׳ שם בעל מלאכה הזהרי שלא תסגרו את הדלת דהוי יחוד, ומיד חזר לביתו ואמר הנני מוחל לך, ע״כ).

יד) אויב ער זאָגט איר „די זאָלסט נישט זיין אַליין מיט יענעם" און נישט ווייל ער איז איר ח״ו חושד אין עפּעס נאָר צוליב יחוד, (עי׳ שו״ת הגרי״ז סי׳ ל׳, נדפס בסוף שו״ע הגר״ז ח״ד, שו״ת אבני נזר אבה״ע ח״ב רל״ג).

טו) אויב איינער זאָגט פאַר זיין פרוי זאָלסט נישט איבערבלייבן אַליינס מיט די אַרבעטער געב אַכטונג אַז דיין ברידער וואָס איז מיט דיר זאָל נישט אַוועקגיין, (שו״ת בית דוד מובא בפ״ת סי׳ קע״ח ס״ק טו, והכלל דכל שאומר בדרך זהירות להרחיקה מאיסור יחוד ולא שחושדה ח״ו לית בי׳ משום קינוי וכן מבואר ברמב״ם ה׳ סוטה בסופו, ובשו״ת הגר״ז, ואבני נזר הנ״ל, וביד אליהו שם).

טז) אויב ער זאָגט איר געב אַכטונג אַז דער אורח (גאַסט) זאָל נישט בלייבן ביי דיר נעכטיגען, (שו״ת אבני נזר אבה״ע ח״ב רל״ד, ועי׳ שו״ת בית יצחק).

## פרק י
## יחוד ביישפּילען

א) מיר ווילען אויפמערקזאַם מאַכען אויף די פאַרשידענע טאָג טעגליכע ביישפּילען פון איסור יחוד וואָס קימט פאַר, און נאָר ווייל מען איז פאַריאָגט און פאַרנימען כאַפּט מען זיך נישט, (וע״ע בהנהגות האדם להגה״ק רשכבה״ג מהרר״א מליזענסק זצללה״ה, הנדפס בראש ספר נועם אלימלך, אות א׳), און גלייכצייטיג בעטען מיר בכל לשון של בקשה פון אַלע מלמדים, טיטשערס, מנהלים, ביטע העלפט צו צו דעם גרויסען זכות פון פאַרמיידען אידישע קינדער אומווילנדיג פון מכשולות, אין איסור יחוד, און לערנט דאָס מיט יונגלעך און מיידלעך, דאָס זעלבע דער מאַן און טאַטע זאָל לערנען אין שטיב מיט די אידענע, און מיט די קינדער.

ב) אַזוי ווי דאָס ענין פון איבערלאָזען קינדער מיט אַ פרעמדן אויפזעהער איז אַ טאָג טעגליכע זאַך, טיילמאָל בלויז אינמיטען טאָג, אַמאָל אויך ביינאַכט, אַמאָל איז דער אויפזעהער אינטער בר מצוה, אַמאָל העכער, אַמאָל איז די אויפזעהערין אַ מיידעל אינטער 12 יאָר, אַמאָל העכער, אַמאָל לאָזט מען איבער בלויז מיט איין קינד, אַמאָל מיט מערערע, וואָס ביי יעדן פאַל איז די הלכה אַנדערש, דעריבער וועלן מיר מער באריכות צולייגען די הלכות בעזה״י.

## ענף א

## מענער אויפזעהר אין עלטער פון דרייצען (13) יאָר און העכער (בעב"י סיטע"ר) ביי פרעמדע קינדער

ביי די אַלע ווייטער דערמאַנטע הלכות איז נישט קיין חילוק אויב מען גייט אין אַ פרעמד הויז אַכטונג געבן אויף קינדער אָדער מען נעמט פרעמדע קינדער צו זיך אין הויז. אויב אַ מאַן, אָדער יונגעל, עלטער פין דרייצען יאָר גייען אויף פּאַסען ביי פרעמדע קינדער דאַרפען זיי און אויך די עלטערן פין די קינדער געוואָרענט זיין עס זאָל נישט זיין מיט איסור יחוד.

**דער איסור יחוד איז דאָ ביי די ביישפּילען:**

1) אויב עס איז דאָ דאָרט בלויז איין (1) מיידעל פין דריי (3) יאָר און העכער טאָר מען נישט דאָרט זיין, אפילו אויב עס איז דאָ דאָרט נאָך מיידלעך און יונגלעך אינטער דריי (3) יאָר.

2) אויב עס איז דאָ צוויי מיידלעך אָדער מער עלטער פין דריי (3) יאָר, דאַמאָלטס איז טיילמאָל מותר, דעריבער זאָל מען פרעגן אַ שאלה, (עי' לעיל פרק ב' או' ז' דאשה עם ילדה שרי ביחוד, ולכאורה גם שני ילדים כן, וזהו לענין שני ילדים, ואם יש ג' ילדים ובלילה ד' עי' לעיל פרק ב' או' א', ז', ואף דהרבה פוסקים לא הכריעו להיתר, וכמה מחמירין להדיא, איש אחד אפילו עם נשים הרבה, מ"מ כאן בילדים קיל כדקי"ל דאשה עם ילדה אף שאינם אלא ב' שריים, וא"כ לכאורה לכו"ע שרי הכא בג' ילדים, ובלילה ד', ונהנתי שמצאתי שכוונתי בזה לדעת ספר דבר הלכה סי' י' או' ה' ומתיר בכה"ג אפילו בעסקו עם הנשים, ולבו גס בהן, וראיתי שם דאיש אחד עם שתי קטנות הניח בצ"ע ע"ש. אמנם אחרי שוב נחמתי ועדיין אני נבוך דהרי לדעת כמה פוסקים לא מהני שמירת קטן או קטנה רק בזרים ולא בקרובים (עי' פ"ד או' ג', וגם מ"ש במספ' 3 בסמוך), וא"כ בנידונינו דמיירי עפ"י רוב באחים ואחיות דלמא לא מהני, ועכ"פ בשני ילדות לחוד ודאי נכון להחמיר כנ"ל בעזה"י [וכמובן שהדברים מוסבים בילדות היודעות טעם ביאה ואין מוסרת עצמן לביאה]), עס איז וויכטיג מען זאָל וויסען צו זאָגען פאַר רב פינקטליך ווי אַלט די מיידלעך זענען.

3) דאָס זעלבע אויב עס איז דאָ איין מיידעל מיט איין יונגעל (אָדער מער) זאָל מען אויך פרעגן אַ שאלה, (עי' בפנים פרק ג' או' א' בדין שנות הילד, וכן באות ג' די"א דלא מהני לאב ואם עם ילדיהם לבטל יחוד דאחרת, ולכאורה ה"ה באח ואחות, ע"ע בפרק ב' בסופו או' ה' בהציון, ומשם נראה דבחדא מחתא מחתינהו הפוסקים לילדים ואחים ואחיות), און מען זאָל וויסען צו זאָגען פאַרן רב ווי אַלט די קינדער זענען.

4) אויב עס איז דאָ איין מיידעל (פרוי) איבער צוועלעף יאָר, מיט איין מיידעל איבער דריי יאָר אינטער ניין יאָר וואָס איז שוין געהעריג רייף מיטן שכל (זעה פרק ב׳ או׳ ז׳) איז נישטאָ קיין יחוד, בייטאָג, נישט קיין חילוק אויב עס איז דאָ דאָרט נאָך קינדער אָדער נישט, (ד״ז ביארתי בפרק ב׳ או׳ ז׳ דיחוד עם אשה גדולה, אם יש שם ילדה שרי, מיהו אם הילדה בת ט׳ ולמעלה הרי לדעת כמה פוסקים המובאים שם שוב אינה ראוי׳ לשמירה, וא״כ הו״ל כשתי נשים גדולים שאסורים ביחוד לעולם כמבואר בשו״ע וכל הפוסקים כמ״ש לעיל פרק ב׳ או׳ א׳, באורך), ביינאַכט מיז זיין מיטן גרויסען מיידעל כאָטש נאָך צוויי מיידלעך מיטן רייפען שכל, אינטער ניין יאָר, איבער דריי יאָר, צוזאַם מיטן גרויסען מיידעל פון צוועלעף יאָר, (עי׳ מ״ש פרק ב׳ ענף ב׳ או׳ א׳ ועי׳ פרק ג׳ בסופו).

אויב די גרויסע מיידעל איז אַ שוועסטער מיטן קליינעם מיידעל, דאָס זעלבע אויב עס איז אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער, מיז מען פרעגן אַ שאלה, און זאָגען פאַרן רב פינקטליך, (דבזה הדרנא לפלוגתת הפוסקים אף קטנה מועילה לשמור קרובתה, עי׳ לעיל פ״ד או׳ ג׳).

דאָס זעלבע ביינאַכט אויב די גרויסע מיידעל (פרוי) איז אַ שוועסטער מיט די צוויי קליינע, אָדער אויב עס איז אַ מאַמע מיט אירע טעכטער זאָל מען פרעגן אַ שאלה, (עי׳ פ״ד או׳ ג׳, אי מהני שמירת קטנים בקרובות, מיהו אם הגדולה קרובה רק לאחד משני ילדים הקטנים כגון אם ובת, או שני אחיות לענ״ד בזה שרי ואפרש שיחתי דהנה הטעם שצריכין ד׳ נשים בלילה ליחוד דבג׳ איכא למיחש שמא תרדם אחת וישארו שנים ביחוד, אבל בדאיכא ד׳ אף אם תרדם אחת ישארו שלשה, וא״כ בנידונינו הרי איכא ספק ספיקא דלמא תישן הקרובה ויישארו גדולה וקטנה הזרים זו לזו, ואפילו אם תישן הנכריה ותשאר הקרובה דלמא קי״ל כהפוסקים דגם קרובה מהני בקטנים, וכיון דכל עיקר יחוד בתלתא אינו רק מדרבנן לחכמ״א ודעימי׳ דמה״ת אינו אסור רק חד בחד, יכולין להקל בזה, וצ״ע למעשה).

5) אַזוי אויך אויב עס איז דאָ דאָרט אַ מיידעל (פרוי) איבער צוועלעף יאָר, און אַ יונגעל איבער פינעף יאָר קען זיין אַז מען מעג זיין מיט זיי [נישט קיין חילוק אויב עס איז דאָ דאָרט נאָך קינדער אָדער נישט], דערפאַר זאָל מען פרעגן אַ שאלה פין אַ רב, (עמ״ש פרק ד׳ או׳ א׳ דלדעת חת״ס, וחכמ״א מה׳ שנים התינוק שומר מיהו דעת הרבה פוסקים להחמיר דרק מט׳ שנים שומר, ע״ש, ולא רציתי להכניס ראשי בין ההרים הגדולים ולהכריע כי באתרא דנפקו זקוקין דנורא מאן יעייל בר נפחא לתמן), דאָס איז בייטאָג, ביינאַכט מיז זיין מיט די גרויסע מיידעל (פרוי) כאָטש צוויי יונגלעך, אָדער איין יונגעל מיט איין מיידעל אינטער ניין יאָר (אַזוי ווי פריער נומ׳ 4), (עי׳ פ״ג בסופו ותבין).

אויב דער יונגעל איז אַ ברידער צו די גרויסע מיידעל (פרוי), אָדער אַ זוהן דאַמאָלטס איז זייער שווער מתיר צו זיין, אויב מען האָט נישט קיין

ברירה זאָל מען פרעגן אַ שאלה פון אַ רב, (בפרק ד׳ או׳ א׳ תראה כי הרוצה להחמיר בתינוק ככל הדיעות נפל לו האי היתירא בבירא, כי לדעת רוב מנין ובנין של הפוסקים אין ליקח פחות מבן תשע, וא״כ אף דבשאר ענין אין מחמירין כ״כ מ״מ הרי כאן יש לנו עוד צד להחמיר דלדעת כמ״פ (ע״ש או׳ ג׳) לא מהני שמירת תינוק לקרובו, וא״כ מסתברא להחמיר בפרט בדור שפרוץ מרובה על העומד [וכמבואר בחת״ס או״ח קכ״ב דעלינו להוסיף גדרים וסייגים כו׳ ויש להוסיף אומץ להחמיר ולא להקל עכל״ק, וכעי״ז בשם הגדולים להחיד״א ח״א מע׳ א׳, ע״ש]).

6) אויב אָבער דאָס יונגעל איז שוין איבער דרייצן יאָר מעג מען זיין מיט זיי צוזאַמען בייטאָג, (דהו״ל שני אנשים עם אשה אחת דשרי עי׳ פרק ג׳ או׳ א׳), ביינאַכט מיז זיין כאָטש צוויי (עי׳ פ״ג או׳ ב׳).

עס איז אָבער אַ מדת חסידות מחמיר צו זיין (עי׳ פ״ג או׳ א׳) אָבער אויב דער יונגעל און מיידעל זענען ברידער און שוועסטער איז גרינגער, (עי׳ פ״ב ענף ב׳ או׳ ה׳, דדעת כמה פוסקים דאח ואחות כמו אשה ובעלה, ואף דהרבה מחמירין, מ״מ בנידון דידן דמותר להלכה רק מטעם חסידות להחמיר, בכה״ג אין להחמיר כלל).

## ביי די ביישפילן איז נישטאָ קיין יחוד:

7) אויב עס זענען דאָ מיידלעך נאָר אינטער דריי יאָר אפילו בלויז איינע מעג מען דאָרט זיין, (עי׳ פרק ז׳).

8) אויב עס זענען דאָ דריי מיידלעך העכער 12 (צוועלעף) יאָר און ביינאַכט כאָטש פיער (זעה פרק ב* או׳ א, ב, ג), טייל פוסקים אסר׳ן ביינאַכט נישט קיין חילוק מיט וויפיל מיידלעך (שם באו׳ ב׳), טייל פוסקים אַסר׳ן מיט פרויען אַליינס, טייל זאָגען אַז יעדער פאַר זיך זאָל בעסער מחמיר זיין קיינמאָל נישט צו זיין אַליינס מיט וויפיל פרויען עס איז דאָ (שם או׳ א, ע״ש).

9) אויב דער אויפזעהער האָט מיט זיך זיין ווייב [צום ביישפיל מען נעמט אין שטיב אַריין קינדער אַכטונג צו געבן] דאַמאָלטס איז אייביג מותר, (זעה פרק ה*), אָבער אויב זיין ווייב איז נישט מיט אים נאָר אין זעלבן שטאָט העלפט דאָס נישט (זעה פרק ה׳ ענף ב).

10) אויב עס איז דאָ צווישען די קינדער אַ יונגעל פון דרייצען (13) יאָר, בייטאָג, ביינאַכט צוויי יונגלעך איז אויך מותר (עי׳ פ״ג או׳ א, ב), עס איז אָבער אַ מדת חסידות זיך צו דערווייטערן דערפון (זעה פרק ג׳ א׳).

## ענף ב

## מענער אויפזועהר — אינטער דרייצען יאָר

א) אַ יונגעל אינטער דרייצען יאָר — עלטער פין ניין, גייט אָהן ביי אים איסור יחוד און די אַלע היתירים וואָס מיר האָבען פריער געשריבען (ענף א׳) ביי די וואָס זענען עלטער פין (13) דרייצען, זענען דאָ אויך, (זעה ענף א׳ פאַר איינצעלהייטען).

ב) אויב עס איז נישטאָ צווישען די קינדער אפילו איין מיידעל אין עלטער פין צוועלעף יאָר אָדער העכער דאַרף מען נישט קיין התירים, ווייל דאַמאָלטס איז נישטאָ קיין איסור יחוד (זעה פרק ז׳ או׳ א׳), צוליב דעם וואָס דער אויפזועהר איז נאָכנישט 13 יאָר אַלט.

ג) אויב דער אויפזועהר איז יונגער פין ניין (9) יאָר אפילו אויב עס זענען דאָ דאָרט מיידלעך פין צוועלעף (12) יאָר און העכער איז נישטאָ קיין איסור יחוד, און מען דאַרף נישט קיין התירים (זעה פרק ז׳ או׳ א׳).

ד) דאָס איז אַלעס נאָר אויב די קינדער זענען ברידער מיט שוועסטער, אויב מען געט אַכטונג אויף געמישטע קינדער פין פאַרשידענע שטיבער דאַמאָלטס דאַרף מען זעהן אויב ביי די קינדער אַליינס איז דאָ יחוד, דאָס מיינט אויב עס איז דאָ צווישען די קינדער אַ יונגעל פין דרייצען און העכער, און אַ מיידעל פין דריי (3) און העכער, אָדער אַ מיידעל פין צוועלעף און העכער, און אַ יונגעל פין ניין (9) יאָר און העכער דאַמאָלטס איז שוין דאָ דאָרט יחוד און מען דאַרף וויסען אויב עס איז מותר לויט די הלכות פין פריער, ענף א׳.

דאָס קען זייער לייכט פאַסירען, צום ביישפיל — צוויי שכנים האָבען אַריינגעברענגט זייערע קינדער אין איין הויז, מען זאָל אַכטונג געבען אויף זיי, אָדער צוויי ברידער׳ס האָבען געברענגט זייערע קינדער מען זאָל אַכטונג געבען אויף זיי.

## ענף ג

## אַ פרויען (מיידעל) אויפזועהרן (Baby Sitter) אין עלטער פין צוועלעף (12) יאָר און העכער

א) אַ פרוי וואָס איר מאַן איז מיט איר, מעג זי אַכטונג געבען אויף אַלע סאָרט קינדער אפילו אויף יונגלעך איבער דרייצען יאָר (עי׳ פרק ה״, או׳ י״א).

ב) אויב איר מאַן איז נישט מיט איר צוזאַם, אָבער ער איז אין זעלבן שטאָט איז דאָ פאַרשידענע מיינונגען אין חילוקים (זעה פרק ה׳ ענף א׳) דעריבער זאָל מען פרעגן אַ שאלה.

אָבער אויב עס זענען דאָ יונגלעך עלטער פין ניין יאָר וואָס זענען באַקאַנט מיט די פרוי, העלפט נישט דער היתר (זעה דאָרט או' ד*).

ג) אויב עס זענען נישט דאָ קיין יונגלעך אין עלטער פין ניין (9) יאָר און העכער דאַמאָלטס איז נישטאָ קיין שום איסור יחוד (עי' פרק ז').

ד) אויב עס איז דאָ דאָרט אויסער אַ יונגעל איבער ניין יאָר, אפילו העכער בר מצוה, אַ קליין מיידעל וואָס איז שוין רייף מיטן שכל (זעה פרק ב') איז אויך נישטאָ קיין יחוד, (זעה פרק ב') אויב זי איז צוועלעף (12) יאָר און העכער העלפט עס נישט, פין ניין יאָר ביז צוועלעף זאָל מען פרעגן אַ שאלה, (עי' שם דתלוי בפלוגתא, מיהו ביותר מי"ב יצאת מכלל תינוקת השומרת, ע"ש), דאָס איז בייטאָג — אָבער ביינאַכט מיז זיין צוויי קליינע מיידלעך, אָדער אַ יונגעל מיט אַ מיידעל, (זעה פרק ג' או' ב'). (אע"ג די"א שאינו מועיל מ"מ הרי יש שם עוד בן ז' דלדעתם כשר, וא"כ ממ"נ כשר ומועיל, דו"ק ותבין), דאָס איז נאָר אויב דאָס גרויסע אינגעל איז אַלט צווישען ניין און צעהן יאָר, אויב עלטער, כל שכן אויב ער איז עלטער פין דרייצען יאָר אויך, דאַרף מען פרעגן אַ שאלה, (דהרי לא נתבאר בדברי הפוסקים דשם שדעתם דשמירה מתחיל בקטן מבן ט' עד היכן אזלא וכיון שנקטו בלשונם קטן בן ט' א"כ עד י' ודאי מהני וביותר אולי לא, ולא מועיל מה שיש עמו קטן בן ז' דהרי לדעת רוב הפוסקים לא מהני שמירה רק בבן ט', מ"מ אולי בשעת הדחק יש להקל עד שיהיה בן י"ג, אם יש שם קטן בן ז' עמו מטעם ספק ספיקא דלמא הלכה כמ"ד שמירה מתחלת מבן ט', ואת"ל דלדעתם פוסקת בבן י', מ"מ דלמא קי"ל כמ"ד בבן ז' סגי, ובפרט במילתא דרבנן שהרי ישנם כאן יותר מאחד וכמבואר בח"א וש"פ דאז אינו אלא מדרבנן).

דעסגלייכען זאָל מען אויך פרעגן אַ שאלה ביי די אויבענדערמאַנטע אופנים, אויב עס איז געווען מיט אַ קליינע ענדערונג, דאָס מיינט אויב דאָס קליינע יונגעל איז בלויז פינעף יאָר אַלט, (עי' במה שכתבתי בהערות או' ה', ואולי גם כאן יש להקל בצדדי התירא דשם ומטעם דדעת מרן החת"ס, וחכמ"א דאז מתחיל זמן שמירה, ע"ש, ודו"ק).

ו) אויב עס איז נאָר דאָ צווישען די קינדער איין יונגעל פין ניין (9) יאָר און העכער, די איבריגע קינדער זענען בלויז יונגלעך אינטער פינעף יאָר, און (אָדער) מיידלעך וואָס זענען נישט רייף מיטן שכל (זעה אויבן פרק ב'), דאַמאָלטס טאָר די פרוי (אויפזעהרן) נישט דאָרט זיין, (זעה פריער פרק ב' און פרק ד' אַז דאַמאָלטס זענען די קליינע קינדער נישט קיין שומרים, בלייבט דער ניין יעריגער אָהנע שמירה).

אויב דער 9 יעריגער יונגעל איז אַ ברידער פאַר די פרוי מעג זי יאָ דאָרט זיין (עי' פרק א').

ז) אויב די פרוי האָט צווישען די קינדער איין ברידער פין ניין יאָר, עס איז אָבער דאָ אויסערדעם אַ אַנדער יונגעל [נישט קיין ברידער] איבער ניין

יאָר דאַרף מען פרעגן אַ שאלה, (עי׳ פרק ב׳ ענף ב׳ או׳ ה׳ אי מהני קרוב לשמור מאחר, ע״ש).

ח) אויב עס איז דאָ צווישען די קינדער צוויי יונגלעך העכער בר מצוה ערליכע, ביינאַכט דריי (3), קען זיין אַז מען זאָל מעגן, דעריבער זאָל מען פרעגן אַ שאלה, (עי׳ היטב לעיל פרק ג׳).

ט) דאָס זעלבע אויב עס איז דאָ אויסער די אויפזעהרן צוויי מיידלעך פון צוועלף (12) אַדער העכער, ביינאַכט (3) דריי, קען זיין אַז מען מעג, זאָל מען דעריבער פרעגן אַ שאלה (עי׳ לעיל פרק ב*).

## ענף ד

## אַ מיידעל אויפזועהרן איבער דריי יאָר אינטער צוועלף יאָר

א) אפילו עס זענען דאָ יונגלעך איבער ניין יאָר (ביז דרייצען) איז נישטאָ קיין יחוד (עי׳ פרק ז׳ או׳ א׳).

ב) אויב עס איז דאָ אַ יונגעל פון דרייצען יאָר און העכער [נישט קיין ברידער פון די מיידעל] איז דאָ איסור יחוד (עי׳ שם). אויב עס איז דאָ אויסער דער דרייצען יעריג יונגעל אַנדערע יונגלעך אפילו בלויז איינס קען זיין טיילמאָל אַז עס איז נישט קיין יחוד, (זעה פריער ענף ג׳ או׳ ד׳ ה׳ ו׳ ז׳ ח׳ ט׳, אַלע הלכות וואָס געהערן צו דעם).

ג) אויב עס איז דאָ צווישען די קינדער אויסער דעם דרייצען יעריגען יונגעל אויך מיידלעך איז טיילמאָל נישטאָ קיין יחוד (זעה פריער ענף ג׳ או׳ ד׳ ה׳ ו׳ ז׳ ח׳ ט׳).

ד) אויב עס איז דאָ צווישען די קינדער בלויז איין יונגעל עלטער פון דרייצען יאָר, און איין מיידעל [נישט קיין שוועסטער] עלטער פון צוועלף, אויסער די אויפזעהרן וואָס איז יונגער פון צוועלף (12) זאָל מען זיך פירען אַזוי ווי עס שטייט פריער ענף ג׳ או׳ ד׳.

ה) מען דאַרף געוואָרענט זיין אין די אַלע אויבענדערמאָנטע הלכות ביי אַלע סאָרט אופנים פון קינדער איבערלאָזען ביי אַ צווייטען, סיי צייטווייליג אַזוי ווי מען גייט צו אַ שמחה א.ד.ג. סיי אויף אַ לענגערע צייט, צ.ב.ש. מען שיקט אַוועק אַ קינד אין דער פרעמד, נישט קיין חילוק אויב צו קרובים, אַדער צו פרעמדע, אויב דאָס קינד איז אַ יונגעל פון ניין (9) יאָר און העכער, אַדער אַ מיידעל פון דריי (3) יאָר און העכער דאַרף מען זיך גוט אינטערסירן און אינפאָרמירען אַז דאָס קינד זאָל נישט צוקימען צו יחוד.

ו) אזוי אויך דאַרף מען אכטונג געבן אויב עלטערן לאָזן איבער קינדער מיט אַ פרוי אויפזועהרן [אויף דעם אופן וואָס מען מעג] זאָל אַ מאַן נישט אהיים גיין ערשט אַליינס ווייל דאַמאָלטס קען ער זיין מיט יחוד דורכדעם וואָס ער וואַרט אויף זיין פרוי זי זאָל אַהיימבאַגלייטען די אויפזועהר.

דאָס זעלבע אַ פרוי זאָל נישט אַהיימקומען ערשט אויב עס איז דאָ אַ מאַן אויפזועהר, ווייל צוליב'ן וואַרטען ביז דער מאַן וועט אַהיימקומען אַהיימבאַגלייטען דעם אויפזועהר קומט מען צו יחוד.

## פרק יא
## באַזוכען קרובים

**מענער באַזיכען ברידער:**

א) אויב אַ יונגעל פין ניין יאָר און העכער באַזוכט זיין ברידער און נאָר זיין שוועגערן איז דאָרט איז דאָ יחוד (לעיל פרק א' אר' ד') אפילו אויב דער מאַן איז אין זעלבן שטאָט העלפט דאָס נישט צוליב זייער נאָנטקייט (זעה פרק ה'), אויב איר מאַן (זיין ברידער) איז אויך דאָרט מעג מען דאָרט זיין, [אפילו דער מאַן שלאָפט, פ"ה ז, ח], און אפילו נעכטיגען דאָרט א.ד.ג. (עי' פרק ה* י"ד), אויב ער איז יונגער פין ניין איז אויך מותר יחוד (זעה פרק א', פרק ז').

ב) אויב איר מאַן איז נישט דאָרט אָבער אַ קליין קינד איז דאָרט מיט די שוועגערן [אַ יונגעל אָדער אַ מיידעל], אפילו אַ פרעמדע, איז נישטאָ קיין יחוד [ווי אַלט די קינדער מיזען (מעגן) זיין זעה פרק ד' אַנהויב], ביינאַכט שלאָפען צייט מיז זיין צוויי קליינע קינדער [זעה איינצעלהייטען פרק ד' אר' ה'].

ג) אויב איר ערוואַקסענע זוהן, אָדער ברידער, אָדער איר טאַטע איז דאָרט מיט איר, איז נישטאָ קיין יחוד (זעה פרק ג' אר' א', און אר' ה'), (ובכה"ג גם מדת חסידות ליכא, דאיכא גם אמו משמרו, ושתי אנשים, עי' פ"א אר' י"ט), אָבער אויב איר מאַמע, אָדער שוועסטער, אָדער טאָכטער איז מיט איר העלפט נישט.

ג*) אויב נאָר דער מאַן איז דאָרט מיט זיין ערוואַקסענע טאָכטער איז אויך נישטאָ קיין יחוד, (עי' מ"מ לאר' ג' וה"ה ממש בזה).

ד) אויב זי איז דאָרט מיט צוויי ערוואַקסענע טעכטער אָדער צוויי פרעמדע פרויען אָדער מער, ביינאַכט כאָטש דריי, זאָל מען פרעגן אַ שאלה (זעה פרק ב* אר' א'). [אודות שני ילדים בני ט' עי' פרק ד' אר' י' בסופו מ"ש שם].

ה) אויב זי איז דאָרט מיט איר שוויגער מעג מען דאָרט זיין (זעה פרק ב').

ו) אויב איר מאַן׳ס ברידער׳ס ווייב איז דאָרט, מעג מען דאָרט זיין (זעה פרק ב׳, און פרק ב׳ ענף ב׳).

ז) אויב איר מאַן׳ס טאָכטער (פון אַ פריערדיגע ווייב) איז דאָרט מעג מען דאָרט זיין (פרק ב׳).

ח) אויב איר שוויגער׳ס טאָכטער (שוועגערן) איז דאָרט מעג מען דאָרט זיין (פרק ב׳) דאָס מיינט אַז דאָס יונגל טראָגט מיט זיין שוועסטער [וואָס מיז זיין כאָטש געוווג גרויס שכל צו האָבען צו פאַרשטיין נאָכצודערציילען וואָס זי זעהט אַזוי ווי מיר שרייבען פרק ד׳], מעג ער דאָרט זיין כאָטש זיין שוועגערן איז נאָר אַליינס אינדערהיים.

ט) אויב ער באַזיכט זיין ברידער און נאָר זיין ברידער איז דאָרט מיט זיין טאָכטער איז נישטאָ קיין יחוד (עי׳ במ״מ לאו׳ י״א ואו׳ ג׳).

י) די אַלע אויבענדערמאָנטע הלכות פון או׳ א׳ ב׳ ג׳ ד׳ ה׳ ו׳ ז׳ ח׳, זענען אויך גילטיג אויב עס איז אַ בחור פון דרייצען יאָ ר און העכער, אָדער אַ יונגערמאַן וואָס האָט שוין חתונה געהאַט ווען זיין גייען באַזיכען זייער ברידער.

יא) אויב צוויי מענער גייען צוזאַם נישט קיין חילוק אויב זיי זענען ביידע ברידער אָדער איינער איז אַ פרעמדער [אפילו ביידע, זעה ווייטער פרק י״ב], איז נישטאָ קיין יחוד (זעה פרק ג׳ או׳ ה׳) עס איז אָבער אַ מדת חסידות מחמיר צו זיין, (ואם אחד מהשנים אחי׳, או בנה, או אביה, אולי גם מדת חסידות ליכא, עי׳ לעיל או׳ ג׳ ותבין), בייגאַכט מיז זיין כאָטש דריי מענער (פ״ג או׳ ח׳).

יב) אויב אַ מאַן און ווייב גייען צוזאַם באַזוכען, איז נישטאָ קיין יחוד, (מתרי טעמי חדא דאשתו משמרתו כדאי׳ פ״א, ועוד מטעם שני יבמות בפרק ב׳).

באַמערקונג: ביי יחוד מיט קרובים אַזוי ווי דאָ א.ד.ג. העלפט נישט וואָס דער מאַן איז אין זעלבן שטאָט (זעה פרק ה׳ או׳ ד*), און אַ אָפענע טיר צו די גאַס איז דאָ אַ מחלוקת [זעה פרק ו׳ ג*].

**מענער באַזיכען שוועסטער:**

יג) אויב אַ יונגעל פון ניין יאָר און עלטער, אָדער אַ בחור, אָדער יונגערמאַן גייט באַזיכען זיין שוועסטער אויף אַ אַלגעמיינע באַזוך איז נישטאָ קיין יחוד אפילו אויב זי איז אַליינס אינדערהיים, (זעה פרק א׳ הו׳ ה׳, ט״ז).

יד) אויב עס איז דאָ מיט די שוועסטער אין שטיב אַ טאָכטער פון צוועלעף יאָר און העכער [כל שכן יונגער], זאָל מען פרעגן אַ שאלה, (דיש כאן התירא דאחותו משמרתו דתלוי בפלוגתא עי׳ פרק א׳ או׳ י״ח, אבל לית כאן התירא דבעלה בעיר, דלבה גס בו ולא מהני, עי׳ פרק א׳ או׳ י׳).

אויב עס איז דאָ אויך אַ קליין פאַרשטענדיג יונגעל [לויט די עלטער פין פרק ד'] איז נישטאָ קיין יחוד, נישט קיין חילוק אויב דאָס קינד איז אייגען אָדער פרעמד (עי' פרק ד').

טו) אויב זי איז אין שטיב מיט צוויי טעכטער נישט קיין חילוק ווי אַלט זיי זענען איז נישטאָ קיין יחוד, (דאם הבנות גדולות ואינם בכלל שומרים מ"מ יש ב' טעמים לצרף להתירא, אחותו משמרתו, וג' נשים יחד כמבואר לעיל פרק ב* אות א', ואם הם קטנות הלא בלא"ה שרי עי' פרק ד').

טז) אויב נאָר אַ קליין פאַרשטענדיג מיידעל איז מיט די שוועסטער [זעה די עלטער פרק ד'] איז נישטאָ קיין יחוד (עי' פרק ד').

יז) אויב צוויי ברידער גייען צוזאַמען דאַמאַלטס אפילו עס איז דאָ אין שטיב אַ צוועלעף יאָריגע טאָכטער איז נישטאָ קיין יחוד (פ"ג א'), עס איז אפילו נישט קיין מדת חסידות מחמיר צו זיין, (ואע"ג דשם כתבנו דיש מד"ח להחמיר, דכאן יש עוד צירוף). ביינאַכט שלאָפען צייט מיז זיין דריי (פרק ג' או' ח').

יח) אויב איינער גייט צו זיין שוועסטער און ער נעמט מיט זיין חבר איז נישטאָ קיין שום יחוד, (עי' פרק ג' או' א', וגם בזה ליכא מדת חסידות להחמיר כמו באו' ט"ז כיון דניתוסף לן עוד היתר של אח המשמר לאחותו, עי' פרק א' או' י"ט די"א דמהני אפילו לגוי, וכ"ש שמהני לכו"ע בכשרים ע"ש ותבין).

יט) אויב אַ מאַן מיט זיין פרוי גייען צוזאַם באַזיכען איז נישטאָ קיין יחוד (עי' פרק א').

כ) אויב די שוועסטערס מאַן איז אינדערהיים אפילו ער שלאָפט איז נישטאָ קיין שום יחוד (זעה פרק ה' או' ז' ח').

**פרויען באַזוכען ברידער:**

כא) אויב אַ מיידעל פין דריי יאָר און עלטער, אָדער אַ פרוי גייט באַזיכען איר ברידער אפילו אויב נאָר ער איז אינדערהיים איז נישטאָ קיין יחוד (זעה פרק א', או' ה' ט"ז).

כב) אפילו אויב איר ברידער איז דאָרט מיט אַ זוהן עלטער פין ניין יאָר, איז נישטאָ קיין יחוד, ערשטנס איז דאָך שוין דאָ צוויי מענער [זעה פרק ג'], און צווייטענס אַ ברידער היט אַ שוועסטער [פרק א' או' י"ט] דער־פאַר איז אפילו קיין מדת חסידות אויך נישטאָ מחמיר צו זיין, (פירוש דאע"ג דלענין אח ואחות לחוד יש מקום להתחסד כמבואר פ"א או' ה', וכן בדין שני אנשים כמבואר פ"ג או' א' דמד"ח להחמיר, מ"מ בדאיכא תרווייהו ודאי שרי וזה כוונתי באו' ט"ז לעיל ע"ש), דאָס זעלבע אויב דער ברידער איז דאָרט מיט זיין חבר.

כג) אויב דער זוהן איז אינטער ניין יאָר איז אינגאַנצען נישט שייך ביי אים יחוד [פרק א' או' ז'], דאָס זעלבע אויב דער זוהן איז אינטער דרייצען, און דאָס מיידעל אינטער צוועלעף איז ניט שייך יחוד [פרק ז'].

כד) דאָס זעלבע אויב נאָר דער שוועגערן איז דאָרט מיט איר זוהן איז נישטאָ קיין שום יחוד, (חוא והוא העיקר דהרי יש כאן אשה ובת תמותה כמבואר פ"ב ענף א', ועוד דלכמה פוסקים אם שומרת בנה עי' פרק א' או' י"ח), און אפילו אויב אַ פרעמדער מאַן איז מיט די צוויי שוועגערנס איז אויך נישט דאָ קיין יחוד, (כנ"ל מטעם שיש כאן אשה ובת תמותה).

**פרויען באַזוכען שוועסטער:**

כה) אויב אַ מיידעל פין דריי יאָר און עלטער, אָדער פרוי, גייט באַזיכען איר שוועסטער און איר שוואָגער איז אויך אינדערהיים איז נישטאָ קיין יחוד [ווייל אַ ווייב היט איר מאַן, פרק ה* ג'], זי מעג זיין דאָרט מיט איר שוואָגער אפילו אויב איר שוועסטער שלאָפט, (פרק ה' או' ז' ח').

כו) אויב נאָר איר שוואָגער איז אינדערהיים איז דאָ איסור יחוד און זי מיז זאפארט אַוועקגיין.

כז) אויב עס איז דאָ דאָרט מיט זיי אַ קליין יונגעל [לויט די עלטער פין פרק ד'] איז נישטאָ קיין יחוד, נישט קיין חילוק ווער און וועמען'ס דאָס קינד איז אפילו אַ פרעמדע (פרק ד'), עס איז קיין שום חילוק נישט ווי אַלט דער מיידעל באַזוכער איז ביי דעם פאַל [וועגן שלאָפען צייט זעה פרק ד' או' ה' ו' ז' ח' ט' י'].

כח) אויב עס איז דאָ מיט זיי אַ קליין מיידעל [לויט די עלטער פין פרק ד'] איז נישטאָ קיין יחוד נאָר אויב די גרויסע מיידעל דער באַזיכער איז צוועלף יאָר אָדער מער (פרק ד'), אויב זי איז יונגער פין צוועלף יאָר איז דאָ אַ שאלה פין יחוד (זעה פרק ד' או' י'), אָבער אויב עס איז דאָ דאָרטן דריי קליינע מיידלעך איז נישטאָ קיין יחוד (פרק ד' י'), ביינאַכט דאַרף זיין פיער (זעה דאָרט). אויב דריי גרויסע מיידלעך דאַרף מען פרעגן אַ שאלה (זעה פרק' ב*).

כט) אַזוי אויך אויב דער מיידעל באַזיכער איז יונגער פין צוועלף יאָר אָבער אין שטיב איז דאָ אַ צוועלף יעריג מיידעל איז נישטאָ קיין יחוד (זעה אַנהייב או' כ"ח).

ל) אויב דער שוואָגער איז אינדערהיים מיט זיין גרויסען זוהן, אָדער מיט זיין חבר, איז נישטאָ קיין יחוד (פרק ג'), [וועגן מדת חסידות זעה פרק ג' או' א'], ביינאַכט שלאָפען צייט מיז זיין כאָטש דריי מענער (שם ח') [וועגן מער פרטים זעה פרק ד' או' ה' ו' ז' ח' ט' י'].

לא) אויב די פרוי גייט באַזוכען מיט איר מאַן איז נישטאָ קיין שום יחוד (פרק א').

לב) אויב זי גייט באַזיכען און טרעפט איר שוועסטער אַהן דעם מאַן מיט אַ יונגעל פין דרייצען יאָר אָדער מער קען זיין אז עס איז דאָ איסור

יחוד, און מען דאַרף פרעגן אַ שאלה [זעה פרק א׳ או׳ י״ח וועגן אַ זוהן מיט די מאַמע, אָבער דאָס וואָס איר מאַן איז אין זעלבן שטאָט העלפט נישט, פרק ה׳ ענף א׳, ד׳*].

לג) אויב דאָס יונגעל איז אַלט פון פינעף ביז דרייצען יאָר איז גרינגער, אָבער דאַך זאָל מען פרעגן אַ שאלה, און צולייגען די פינקטליכע עלטער פון קינד, (דבכה״ג איכא תרתי לטיבותא, חדא אם משמרה לבנה, ועוד דלמא קי״ל דבכה״ג דינו כשומר דאז מותר להיות שם אפילו אם האיש והאשה זרים אצלו כמבואר פרק ד׳ או׳ א׳, ע״ש).

## מענער באַזיכען שוואָגערס:

לד) אויב אַ מאַן באַזיכט זיין שוואָגער, דאָס מיינט זיין ווייב׳ס ברידער — אָדער זיין ווייב׳ס שוועסטער׳ס מאַן, און זיין שוואָגער איז נישט אינדערהיים נאָר די שוועגערן, איז דאָ איסור יחוד. דעריבער זאָל מען אַכטונג געבן נישט צו פאַרבלייבן דאָרט אויסער מיט איינע פון די אויבנ־דערמאָנטע התירים פון אות א׳ ב׳ ג׳ ד׳ ה׳ ו׳ ז׳ ח׳ י׳ י״א י״ב.

וועגן באַזיכען דעם שוועסטער מיט איר מאַן זעה אַלע הלכות פריער או׳ י״ג־כ׳.

## פרויען באַזיכען שוועגערן׳ס:

לה) אויב אַ פרוי גייט באַזיכען איר שוועגרן, דאָס מיינט איר מאַן׳ס שוועסטער — אָדער איר מאַן׳ס ברידער׳ס ווייב, און נאָר איר שוואָגער איז אינדערהיים איז דאָ איסור יחוד.

לו) אויב זי גייט מיט איר מאַן איז נישטאָ קיין יחוד (פ״א) אויב זי גייט מיטן שטיף טאָכטער איז נישטאָ קיין יחוד (פרק ב׳), אויב זי גייט מיט איר שוויגער, אָדער שוועגערן [אַלע סאָרטען] איז נישטאָ דאָרט קיין יחוד (עי׳ פרק ב׳).

לז) אויב איר שוועגערן איז אינדערהיים מיט איר שוואָגער [דעם מאַן] איז אויך נישט שייך יחוד אפילו אויב זי שלאָפט (פרק ה׳, ז׳, ח׳).

אויב נישט זאָל זי זיך פירען אַזוי ווי מיר האָבען געשריבען פריער או׳ כ״ז, כ״ח, ל׳.

לח) אויב איר שוועגערן איז אין שטיב אפילו זי האָט דאָרט יונגלעך נישט קיין חילוק קליינע אָדער גרויסע, איז קיין שום שאלה נישט וועגן יחוד [וועגן צוויי טעמים — איינס מיר האָבען שוין פריער (פרק ב׳ ענף א׳) ערקלערט אַז דאָרט ווי צוויי שוועגערן׳ס זענען איז נישטאָ קיין יחוד, צווייטענס לויט טייל פוסקים היט אַ מאַמע אָפּ דעם זוהן (פרק א׳ או׳ י״ח).

לט) און אפילו אויב אַ פרעמדער מאַן איז דאָרט איז נישט קיין יחוד [וועגן דעם ערשטן טעם פון או׳ ל״ח].

מ) אויב אַ פרוי גייט באַזיכען איר ברידער׳ס ווייב זעה אַלע הלכות פריער או׳ כ״א־כ״ד.

**שיקען אַ קינד צו אַ שניר אָדער איידעם:**

מ*) דער ריכטיגער וועג אויב מען וויל שיקען אַ קינד צו אַ שניר אין אַ צייט וואָס מען ווייסט נישט אויב דער מאַן [זייער זוהן] איז אינדערהיים זאָל מען שיקען אַ מיידעל אַליינס, אָדער אַ יונגעל אינטער אַכט (8) יאָר, אויב ניין יאָר (9) זאָל ער גיין מיטן שוועסטער צוזאַם, אויב עס זענען דאָ קליינע קינדער דאָרטן [זעה או׳ ב׳ זייער עלטער] מעג אַ יונגעל גיין אַליינס, און אויב עס איז דאָ איינע פין די אויבענדערמאַנטע ביישפילען [או׳ ה׳ ו׳ ז׳ ח׳] איז אויך מותר, און ביי די ביישפילען פין או׳ ג׳ ד׳ זאָל מען פרעגן אַ שאלה, אויב מאַן און ווייב זענען אינדערהיים אפילו דער מאַן שלאָפט איז מותר (עי׳ פרק ה* או׳ ז׳ ח׳).

אויב מען וויל שיקען אַ קינד צו אַ איידעם און מען ווייסט נישט אויב זיין פרוי [זייער טאָכטער] איז אינדערהיים זאָל מען שיקען אַ יונגעל, אָדער אַ מיידעל מיט אַ יונגעל [לויט די עלטער פין פרק ד׳] אויב ביים איידעם אין שטיב איז דאָ קליינע קינדער איז אויך מותר צו שיקען אַ מיידעל אַליינס [זעה פרק ד׳ די עלטער פין די קינדער] שלאָפען צייט מיז זיין כאָטש צוויי קליינע קינדער [זעה פרק ד׳ או׳ ה׳].

אויב נאָך אַ מאַן׳ס פערזאָן איז מיט אים נישט קיין חילוק אויב אַ קרוב אָדער פרעמדער, זעה פרק ג׳ או׳ א* מעג דאָרט זיין אַ מיידעל [ זעה פרק ג׳ או׳ א׳ אַז עפ״י מדת חסידות דאַרף מען מחמיר זיין] ביינאַכט שלאָפען צייט מיז זיין מיט אים נאָך צוויי מענער [זעה דאָרט או׳ ח׳].

אויב זיין גרויסע טאָכטער איז דאָרט מעגלעך אַז עס זאָל נישט זיין קיין יחוד, מען דאַרף פרעגן אַ שאלה [זעה פרק א׳ או׳ י״ט].

אויב מאַן און ווייב זענען אינדערהיים אפילו די פרוי שלאָפט מעג א מיידעל דאָרט זיין (זעה פרק ה* או׳ ז׳ ח׳).

**מענער באַזיכען ברידער׳ס אָדער שוועסטער׳ס אָדער שוואָגערס קינדער:**

מא) אויב אַ יונגעל אינטער ניין יאָר באַזיכט זיינע ברידער׳ס קינדער קען קיינמאָל נישט זיין קיין יחוד (פרק א׳ וז׳).

מב) אויב צווישען די קינדער איז נישטאָ קיין מיידעל פין דריי יאָר און העכער קען נישט זיין קיין איסור יחוד (שם).

מב*) אויב די באַזוכער זענען מאַן און ווייב איז נישטאָ קיין יחוד.

מג) אויב דער באַזיכער איז אינטער דרייצען יאָר, און די מיידלעך זענען אַלע אינטער צוועלף יאָר איז נישטאָ קיין יחוד, ווייל עס מיז זיין

אָדער דאָס יונגעל איז שוין דרייצען יאָר (בר מצוה) אָדער איינע פין די מיידלעך איז שוין בת מצוה [זעה פרק ז׳], אויב נישט איז נישטאָ קיין יחוד.

מד) אויב איינע פין די עלטערן דער טאַטע אָדער מאַמע איז אויך אין שטיב זעה די הלכות פריער אר׳ ב׳ ג׳ ג׳* ד׳ ה׳ ו׳ ז׳ ח׳ ט׳ י׳ י״א י״ב י״ד ט״ו.

מה) אויב קיינע פין די עלטערן איז נישט אינדערהיים נאָר די קינדער, אויב צווישען די קינדער איז דאָ אַ יונגעל פין דרייצען יאָר און העכער, אויב דאָס יונגעל איז נאָך נישט דרייצען יאָר אָבער דער באַזיכער איז דרייצען יאָר איז אויך נישטאָ קיין יחוד, אָבער מען דאַרף פרעגן אַ שאלה (וועגן דעם זעלבן טעם ווי פריער).

אָבער אויב עס איז דאָ אויסער דעם באַזוכער אַ ניין יעריגען און פינעף יעריג יונגעל איז זיכער נישטאָ קיין יחוד, (דהרי באמת דעת הרבה פוסקים דקטן בן ט׳ משמר כדלעיל פרק ד׳, ואפילו להחוששין לדעת העזר מקודש, ופור״י דבט׳ כבר פסקה זמן שמירה, מ״מ בקטן בן ה׳ ניתוסף לן דעת מרן החת״ס וחכמ״א דאז כבר מועיל שמירה, וגם דלמא י״ל דין ב׳ אנשים, וגם האח שומר אחותו. וזהו באם המבקר גדול, ואם הוא ג״כ קטן פשיטא דשרי מטעם ג׳ אנשים ילדות קטנות עי׳ פ״ד אר׳ י׳ דכ״ש הוא מג׳ ילדות קטנות).

בקיצור, אויב אין שטיב זענען דאָ צוויי יונגלעך איינער פין פינעף (5) יאָר און איינער פין 9 יאָר איז נישטאָ דאָרט קיין יחוד נישט קיין חילוק ווי אַלט דער באַזוכער איז.

אָבער אויב עס איז דאָ נאָר איין קינד [פין פינעף יאָר און העכער] זאָל מען פרעגן אַ שאלה, (עמ״ש פרק ד׳ אר׳ י׳, וכאן עוד ניתוסף דהם שומרים לאחותם כמבואר בפרק א׳, אר׳ י״ח).

אויב דער באַזוכער איז אויך דרייצען יאָר דאָס מיינט עס זענען דאָ צוויי ערוואַקסענע מענער איז נישטאָ קיין יחוד, ווייל עס איז דאָ דער היתר פין פרק ג׳ און פרק א׳ אר׳ י״ח, אויב דער באַזוכער איז אינטער דרייצען איז דאָ דער היתר פין פרק ד׳, אָבער מען דאַרף פרעגן אַ שאלה וועגן די יאָרען, (ע״ש, ואולי כאן עדיף דמהני ממ״נ או מטעם שומר או מטעם ב׳ אנשים, וגם מטעם שאח משמר כד׳ פ״א אר׳ י״ח, עמ״ש במ״מ פרק ג׳ אר׳ ו׳ פרק ד׳ אר׳ י׳).

מה*) אויב אין שטיב זענען דאָ בלויז יונגלעך אינטער פינעף יאָר נישט קיין חילוק וויפיל, מיט אַ מיי־על העכער דריי יאָר איז דאָ יחוד, (עי׳ פ״ד דבפחות מה׳ שנים ליכא למ״ד דשומרים ע״ש).

מו) אויב עס איז דאָ אין שטיב אַ גרויס מיידעל פין צוועלעף יאָר און העכער, און אַ קליין פאַרשטענדיג מיידעל אָדער יונגעל [זעה פרק ד׳] איז נישטאָ קיין יחוד.

אויב עס איז דאָ נאָר קליינע פאַרשטענדיגע מיידלעך מיז זיין כאָטש דריי מיידלעך (עי׳ פרק ד׳ אר׳ י׳). [ביים שלאָפען צייט מיז זיין פיער מיידלעך] (שם).

מז) די פּינקטליכע הלכות ביים שלאָפען צייט ביינאַכט זעה פרק ד׳ או׳ ה׳ ביז סוף פרק.

**פרויען באַזוכען זייערע ברידער׳ס, שוועסטער׳ס און שוועגערן׳ס קינדער:**

מח) אויב איינע פין די עלטערן איז אינדערהיים זעה די הלכות פריער או׳ כ״ב, כ״ד, כ״ז, כ״ח, ל׳, ל״ב, ל״ג, ל״ח.

מט) אויב די באַזיכער זענען מאַן און ווייב איז נישטאָ קיין יחוד (פ״א). אפילו אויב די ווייב שלאָפט (פרק ה׳ או׳ ז׳ ח׳).

נ) אויב עס איז נישטאָ דאָרט קיין יונגעל פין ניין יאָר און העכער איז נישטאָ קיין יחוד (פרק א׳ ז׳).

נא) אויב דער פרויען באַזוכער איז אינטער צוועלעף יאָר און עס איז נישטאָ קיין יונגעל פון דרייצען יאָר און העכער איז נישטאָ קיין יחוד (פרק ז׳).

נב) אויב עס איז דאָ צווישען די קינדער אַ קליין פאַרשטענדליך מיידעל [זעה פרק ד׳ איינצעלהייטען] איז נישטאָ קיין יחוד. [ביינאַכט איז דאָס נישט גענוג, זעה פרק ד׳ פין או׳ ה׳ ביזן סוף]. אויסער אויב די באַזוכערן איז נאָך קליין מיז זיין כאָטש צוויי מיידלעך אויסער איר (זעה או׳ מ״ו).

נג) אויב עס איז דאָ דאָרט אַ גרויס מיידעל [אויסער די יונגלעך] זאָל מען פרעגן אַ שאלה [זעה פרק א׳ או׳ י״ח, אַז עס איז דאָ אַ מחלוקת אויב אַ שוועסטער היט אָפּ איר ברידער].

נג*) אויב עס איז דאָ דאָרט צוויי גרויסע מיידלעך אויסערן באַזוכערן איז נישטאָ קיין יחוד, (פ״ב או׳ א׳ ואע״ג די״א שאסור, מ״מ ניתוסף לן התירא דאחותו משמרתו דפ״א או׳ י״ח).

נד) אויב עס איז דאָ פין די קינדער בלויז איין מאַן׳ס פערזאָן פין ניין יאָר און העכער איז דאָ יחוד.

נה) אויב עס איז דאָ צוויי קינדער (מענער) פין דרייצען און העכער איז נישטאָ קיין יחוד, (מטעם פ״ג דשני אנשים שרי, ועפ״י מדת חסידות יש להחמיר כמ״ש שם).

נו) אויב איינער איז דרייצען און דער אַנדערער איז אינטער דרייצען אָבער עלטער פין פינעף זאָל מען פרעגן אַ שאלה [זעה פריער או׳ מ״ה], (כמבו׳ בפרק ד׳ דד״ז במחלוקת נשנה מאימת מועיל שמירת תינוק, ע״ש).

נז) אויבביידע יונגלעך זענען איבער ניין אינטער דרייצען זאָל מען פרעגן אַ שאלה, (דצ״ע אם שני קטנים כשרים עמ״ש פרק ג׳ או׳ ו׳, ופרק ד׳ או׳ י׳).

נח) אויב עס זענען דאָ דריי יונגלעך איבער נײַן יאָר איז נישטאָ קיין יחוד (זעה פרק ג׳ או׳ ו*). [ביי די אַלע התירים דאַרף מען וויסען אַז ביינאַכט שלאָפען צייט איז טיילמאָל אַנדערש די הלכה, זעה פרק ד׳ או׳ ה׳ ביזן סוף].

נט) אויב אַ פרוי באַזוכט אירע שוועגערן׳ס קינדער [וואָס דאַמאָלטס קען לייכט פאַרקומען די וויטערדיגע ביישפּילן] אויב זי גייט מיט איר שוויגער, אָדער מיט איר שוועגערן [אַלע מינים וואָס איז שייך], אָדער מיט איר שטיף טאָכטער איז נישטאָ דאָרט קיין יחוד (פרק ב׳) די זעלבע הלכה איז אויב זי איז געגאַנגען אַהין זיי און זיי זענען דאָרט געווען.

**באַזיכען געשוועסטער קינדער — אָדער אַנדערע קרובים:**

סא) אויב אַ מאַן׳ס פערזאָן פון נײַן יאָר און עלטער גייט באַזיכען זיינע געשוועסטער קינדער [באַדייטונג: קינדער וואָס זייערע עלטערן זענען געשוויסטער] אָדער אַנדערע קרובים, זאָל מען זיך פירען לויט די אויבענ־דערמאָנטע הלכות פון אותיות מ״ב, מ״ג, מ״ד, מ״ה, מ״ה*, מ״ו, מ״ז.

סב) אויב אַ פרוי (אָדער מיידעל) באַזיכט אירע קרובים און געשוועסטער קינדער זאָל זי זיך פירען לויט די פאַרשריפט פון אותיות מ״ח, מ״ט, נ׳, נ״א, נ״ב, נ״ג, נ״ד, נ״ה, נ״ו, נ״ז, נ״ח.

**באַזיכען שווער־שוויגער:**

סג) אויב אַ מאַן באַזיכט זיין שווער [אָדער עלטער שווער] און בלויז זיין שוויגער [אָדער עלטער שוויגער] איז אינדערהיים איז דאָ יחוד, און מען מיז באַלד פאַרלאָזען דאָס שטיב (פרק א׳ או׳ ד׳). דאָס זעלבע אויב נאָר אַ שוועגערן [שווער׳ס טאָכטער] פון דריי יאָר און עלטער איז אינדערהיים איז דאָ יחוד.

סד*) אויב ער גייט מיט זיין זוהן אָדער ברידער [אפילו מיט אַ פרעמדן מענטש] איז נישטאָ קיין יחוד (פרק ג׳).

סה) אויב דער שווער איז אינדערהיים אפילו אַהנע שוויגער איז נישטאָ קיין יחוד אפילו אויב דער שווער האָט מיידלעך אין שטיב, (עי׳ פ״ג דשני אנשים סגי, ואע״ג דמדת חסידות להחמיר נוסף לן קולא דאב משמר בתו כדאי׳ פ״א או׳ י״ח), אויב זיין שוועסטער — אָדער טאָכטער — אָדער מוטער איז דאָרט מיט אים איז אויך נישטאָ קיין יחוד (מטעם הנ״ל).

סו) אויב דער שוויגער איז אינדערהיים מיט אַ זוהן אָדער אַ ברידער פון נײַן יאָר און העכער איז נישטאָ קיין יחוד, (ג״כ מטעם הנ״ל או׳ ס״ה, דאיכא ב׳ אנשים, ובן משמר אמו, או אח לאחותו, ועוד דלי״א בפ״ד י״ל דין שומר).

אויב דער זוהן איז צווישען פינעף און נײַן יאָר דאַרף מען פרעגן אַ שאלה, (עי׳ פ״ד בתחלתו).

סו*) אויב איר טאַטע איז דאָרט איז נישטאָ קיין יחוד, (מטעם הנ"ל או' ס"ה־ס"ו).

סז) אויב דער שוויגער איז אינדערהיים מיט אַ קליין פאַרשטענדיג מיידעל [זעה פרק ד'] איז נישטאָ קיין יחוד (ע"ש).

סח) אויב דער שוויגער איז אינדערהיים מיט איין ערוואַקסען מיידעל בלויז, איז דאָ איסור יחוד (עי' פרק ב*) אויב מיט צוויי זאָל מען פרעגן אַ שאלה (ע"ש או' א').

אויב זי איז דאָרט מיט אַ שטיף טאָכטער איז נישטאָ קיין יחוד (פרק ב', ולעיל או' ז').

סט) אויב דער שוויגער איז אין שטיב מיט איר שניר איז נישטאָ דאָרט קיין יחוד (פרק ב' ופרק י"א או' ה'), דאָס זעלבע אויב זי איז דאָרט מיט איר שוויגער [דעם באַזיכער'ס עלטער שוויגער] איז נישטאָ קיין יחוד (שם).

ע) אויב דער שוויגער האָט דאָרט אַ שוועגערן [דאָס מיינט איר מאַן'ס ברידער'ס פרוי — אָדער איר ברידער'ס פרוי — אָדער איר מאַן'ס שוועסטער] איז אויך נישטאָ דאָרט קיין יחוד.

עא) אויב נישט דער שווער נישט דער שוויגער איז איינדערהיים נאָר קינדער צווישען זיי אויך מיידלעך פון דריי יאָר און העכער זאָל מען זיך פירען לויט די אויבענדערמאַנטע הלכות או' ב' ג' ד' י' י"א מ'* מ"ה מ"ה* מ"ו מ"ז.

[וועגן שלאָפען צייט זעה פרק ד' או' ה' ביזן סוף.]

עב) אויב אַ פרוי באַזוכט איר שוויגער [אָדער עלטער שוויגער] און נאָר איר שווער איז אינדערהיים מיז זי באַלד אַוועקגיין וועגן איסור יחוד (פ"א ד'). אויב מאַן און ווייב גייען באַזוכען איז נישטאָ קיין יחוד (עי' או' ס"ד).

די זעלבע איז אויך אויב נאָר אַ שוואָגער [שוויגער'ס זוהן] איז דאָרט איז דאָ יחוד אויב ער איז ניין יאָר און עלטער.

אויב דער שווער און אַ שוואָגער [פון ניין יאָר און העכער] אפילו אויב נישט אַ שוואָגער נאָר אַ פרעמדער זענען אין שטיב איז נישטאָ קיין יחוד (עי' מ"מ או' ס"ו).

אויב דער שוואָגער [אָדער פרעמדער] איז יונגער פון פינעף יאָר איז ווייטער דאָ יחוד (עי' פ"ד).

אויב צווישען פינעף און ניין יאָר זאָל מען פרעגן אַ שאלה (עי' פ"ד בתחלתו).

אויב נאָר צוויי שוואָגערס פון ניין יאָר זענען אין שטיב זאָל מען פרעגן אַ שאלה (עי' פרק ד' או' ו' ופ"ד או' י'), אויב דריי שוואָגערס איז נישטאָ קיין יחוד (ע"ש).

אויב צוויי שוואָגערס איבער דרייצען יאָר איז נישטאָ קיין יחוד (עי' רי' פ' ג').

עג) אויב אין שטיב איז דאָ אַ קליין פאַרשטענדליך מיידעל איז נישטאָ קיין יחוד [זעה פרק ד', ופ"א או' י"ח].

עד) אויב אין שטיב איז דאָ איין ערוואַקסענע טאָכטער [שוועגערן] איז נישטאָ קיין יחוד, נישט קיין חילוק וועלכע מאַן איז דאָרט (עי' פרק ב').

עה) אויב איר שווער איז אין שטיב מיט זיין שוועסטער, אָדער מיט זיין מוטער, דאַרף מען פרעגן אַ שאלה, (דשתי נשים לא מהני כד' פ"ד, אלא דהספק דלמא אחותו או אמו משמרו דבזה פליגי הפוסקים לעיל פ"א או' י"ח), אויב מיט זיי איז דאָ נאָך אַ מיידעל איבער צוועלף יאָר (אָדער פרוי) איז נישטאָ קיין יחוד, (מטעם ספק ספיקא בהני תרי פלוגתות חדא דלמא ג' נשים מהני [עי' פ"ג], שנית דלמא מהני שמירת אחותו או אמו, וקי"ל).

עו) אויב דער שוויגער איז אינדערהיים איז נישטאָ קיין יחוד נישט קיין חילוק פאַר וועם, סיי פאַרן שווער, שוואָגער, אָדער פרעמדע מענער (פרק ב').

עז) אויב אין שטיב איז דאָ נאָך אַ שניר פון איר שוויגער [דאָס מיינט איר מאַן'ס ברידער'ס ווייב] איז אויך נישטאָ קיין יחוד (פרק ב').

עח) אויב דעם באַזוכערס ברידער, אָדער זוהן [פון ניין יאָר און העכער] אָדער פאָטער איז אויך דאָרט איז נישטאָ קשיין יחוד, (דאיכא ב' אנשים כדאי' פ"ג, וגם שמירת קרובים עי' פ"א או' י"ח, ולא תימא דלא מיקרי ב' אנשים כיון דהוי זקן ונכדו באם יש שם בנה, דכבר כתבתי בפ"ג או' א* בשם הפוסקים דאפילו אב ובנו מהני, ע"ש).

עט) אויב זי גייט באַזוכען מיט איר שטיף טאָכטער [מאַן'ס טאָכטער פון אַ אַנדער ווייב] איז נישטאָ קיין יחוד (פרק ב').

פ) [וועגן שלאָפען צייט זעה פרק ד' או' ה' ביזן סוף].

**באַזיכען איידעם — און טאָכטער:**

פא) אויב אַ מאַן מיט זיין פרוי באַזיכען זייער איידעם און טאָכטער און נאָר ער איז אינדערהיים איז נישטאָ קיין איסור יחוד (פ"א פ"ה*), דאָס זעלבע אויב נאָר די טאָכטער איז אינדערהיים (פ"א).

פב) אויב איינע פון זיי באַזוכען און נאָר זייער טאָכטער איז אינדערהיים איז נישטאָ קיין שום יחוד (פ"א).

פג) אויב נאָר די פרוי באַזוכט און דער איידעם אַליין איז אינדערהיים איז דאָ איסור יחוד (זעה או' ס"ג). כדי עס זאָל נישט זיין יחוד מיז זיין איינע פון די ווייטערע באַדינגונגען:

אויב עס איז דאַ אַ מאַן'ס פערזאָן, נישט קיין חילוק אויב אַ פרעמדער, אָדער איינע פון זיינע קינדער, אָדער ברידער פון דרייצן און העכער איז נישטאָ קיין איסור יחוד נאָר אַלס מדת חסידות (פ"ג או' א'), אויב עס איז דאָ דאָרט נאָך צוויי פרויען איז נישטאָ קיין חסידות, (דאז יש לצרף דברי המתירים יחוד בג' נשים עי' פ"ג* ותבין).

אויב עס איז דאָ דאָרט איר ברידער אָדער זוהן, אָדער פאָטער איז נישטאָ קיין יחוד אפילו עפ"י מדת חסידות, (עי' או' ע"ח ובמ"מ שם).

פג*) דאָס זעלבע אויב עס זענען דאָ צוויי ערוואַקסענע מענער, מיט איין קינד פון פינעף יאָר ביז דרייצן, (דאז יש לצרף דעת המתירים מה' שנה לשמירה, וכן המתירים מט' שנה, בפ"ד, ע"ש*), דאַרף מען פרעגן אַ שאלה (עי' פ"ד), אינטער פינף איז גאָרנישט ווערט (עי' שם). אויב עס זענען דאָ צוויי קינדער איינער פון פינעף ביז ניין, דער אַנדערער פון ניין ביז דרייצן איז נישטאָ קיין יחוד, (עי' שם דבכה"ג לכו"ע איכא חד שומר דממ"נ או מה' עד תשע מהני שמירה או מתשע ולמעלה, וע"ע שביארתי באורך פי"ד או' י"א).

פד) אויב עס איז דאָ דאָרט זיין מוטער, אָדער שוועסטער, אָדער טאָכטער דאַרף מען פרעגן אַ שאלה (עי' פ"א או' י"ח), אויב עס איז דאָ אויסערדעם נאָך איין פרוי איז נישטאָ קיין יחוד, (דאיכא ג' נשים, וגם אמו — או אחותו — או בתו משמרו, עמ"ש לעיל במ"מ או' ע"ה).

פה) אויב עס איז דאָ דאָרט אַ קליין פאַרשטענדיג מיידעל [זעה פרק ד'] איז נישטאָ קיין יחוד (שם).

פה*) אויב עס איז דאָ נאָר אַ פרעמד גרויס מיידעל [אָדער פרוי] אויסער דעם איידעם און שוויגער איז דאָ יחוד, אויב צוויי דאַרף מען פרעגן אַ שאלה (פרק ב*).

פז) אויב איר שניר איז דאָרט איז נישטאָ קיין יחוד (פרק ב').

פח) אויב עס איז דאָ דאָרט איר שטיף טאָכטער איז נישטאָ קיין יחוד (פרק ב').

פט) אויב איר שוועגערן איז דאָרט [זעה או' ע'] איז נישטאָ קיין יחוד (פרק ב').

צ) [וועגן ביינאַכט, שלאָפן צייט, זעה פרק ד' או' ה' ביזן סוף].

צא) אויב די טאָכטער און איידעם זענען נישט אינדערהיים נאָר די קינדער איז נישטאָ קיין יחוד, נישט קיין חילוק אויב דער באַזוכער איז דער שווער אַליין און נאָר מיידלעך זענען דאָרט, אָדער דער שוויגער אַליין און נאָר יונגלעך זענען דאָרט (פרק א' או' ה').

צב) אויב דער מאַן באַזיכט און טרעפט נאָר זיין טאָכטער מיט איר קרובה, אָדער חבר'טע, דאַרף מען פרעגן אַ שאלה, (דהיינו דינא דפרק א' או' י"ח).

אויב זי איז דאָרט מיט צוויי דאַמאַלטס איז נישטאָ קיין יחוד, (דאיכא ג׳ נשים, וגם שמירת בתו).

אויב זי איז דאָרט מיט איינע פון די אויבענדערמאַנטע אר׳ פ״ג* פ״ה פ״ז פ״ח פ״ט, איז נישטאָ קיין יחוד (ע״ש הטעם).

צג) אויב דער מאַן באַזוכט און טרעפט זיין איידעם מיט זיין שוועסטער — אָדער מוטער, איז נישטאָ קיין יחוד (עי׳ אר׳ ע״ח, פ״ו) כ״ש מיט זיין טאָכטער, (ווייל עס איז זיין אייניקעל זעה פרק א׳ אר׳ ה׳).

צד) אויב ער טרעפט זיין איידעם מיט זיין באָבע איז נישטאָ קיין יחוד, (פ״ג וע״ש דמדת חסידות להחמיר).

**באַזוכען זוהן — און שניר:**

צה) אויב אַ מאַן מיט זיין פרוי באַזוכען זייער זוהן און שניר, און נאָך איינע פון זיי איז אינדערהיים איז נישטאָ קיין יחוד (פרק א׳ פרק ה׳*).

צו) אויב איינע פון זיי באַזוכען און נאָר דער זוהן איז אינדערהיים איז נישטאָ קיין יחוד (פרק א׳).

צז) אויב דער מאַן באַזוכט און נאָר די שניר איז דאָרט איז דאָ איסור יחוד (זעה אר׳ ע״ב).

צח) אויב עס איז דאָ דאָרט אַ מאַן׳ס פערזאָן איז די הלכה אַזוי ווי מיר האָבען געשריבען פריער אר׳ פ״ג פ״ג*.

צט) אויב עס איז דאָ דאָרט אַ פרוי איז די הלכה אַזוי ווי אר׳ פ״ד פ״ה פ״ה* פ״ז פ״ח פ״ט צ׳.

ק) אויב דער זוהן און שניר זענען נישט אינדערהיים איז די הלכה אַזוי ווי פריער אר׳ צ״א.

**באַזוכען פעטער — מומע:**

קא) אויב אַ מאַן [פון ניין יאָר און עלטער] באַזיכט זיין פעטער און מומע און נאָר זיין מומע איז אינדערהיים איז דאָ איסור יחוד, אויב ער גייט מיט זיין ווייב באַזוכען איז נישטאָ קיין יחוד.

קב) אויב ער גייט מיט זיין מאַמע, טאָכטער, שוועסטער מיט איינס פון די דריי דאַרף ער פרעגן אַ שאלה (עי׳ פ״א אר׳ י״ח), אויב נאָך אַ פרוי (אָדער מיידעל) איז דאָרט איז נישטאָ קיין יחוד, (עי׳ מ״מ לאר׳ צ״ב).

קג) אויב עס איז דאָ דאָרט אויסער אַ מאַן׳ס פערזאָן זאָל מען זיך פירען אַזוי ווי אר׳ פ״ג פ״ג*.

קד) אויב עס איז דאָ דאָרט אויסער זיי אַ פרוי זאָל מען זיך פירען אַזוי ווי פריער אר׳ פ״ד פ״ה פ״ה* פ״ז פ״ח פ״ט צ׳.

קה) ביי די אַלע הלכות איז נישטאָ קיין חילוק אויב עס איז דאָ אַ מאַמע׳ס שוועסטער, טאַטע׳ס שוועסטער, טאַטע׳ס ברידער׳ס פרוי, מאַמע׳ס ברידער׳ס פרוי.

קו) אויב אַ פרוי — אָדער מיידעל באַזוכט איר פעטער און מומע, אַליינס, און נאָר דער פעטער איז אין שטיב איז דאָ איסור יחוד.

קז) אויב עס איז דאָ דאָרט אויסער זיי אַ מאַן זאָל מען זיך פירען אַזוי ווי או׳ פ״ג פ״ג*.

קח) אויב עס איז דאָ אויסער זיי אַ פרוי זאָל מען זיך פירען אַזוי ווי או׳ פ״ד פ״ה פ״ה* פ״ז פ״ח פ״ט צ׳.

קט) ביי די אַלע הלכות איז נישט קיין שום חילוק אויב עס איז איר טאַטע׳ס ברידער, מאַמע׳ס ברידער, טאַטע׳ס שוועסטער׳ס מאַן, מאַמע׳ס שוועסטער׳ס מאַן.

# פרק יב
## באַזוכען אַ חבר

א) אויב אַ מאַן׳ס פערזאַן אינטער ניין יאָר גייט באַזוכען זיין חבר דאַרף ער נישט מורא האָבען וועגן איסור יחוד, אפילו מיידלעך זענען אויך דאָרט (עי׳ פרק ז׳).

א*) אויב אַ מאַן מיט זיין ווייב זענען אין שטיב [אפילו פרעמדע] איז נישטאָ דאָרט קיין יחוד (פ״א — ועי׳ פרק ה*).

ב) אויב ער איז ביז דרייצען יאָר (אָבער נישט דרייצען) און עס איז נישטאָ ביים חבר אין שטיב אַ מיידעל פין צוועלעף און עלטער איז נישטאָ קיין יחוד (פרק ז׳).

ג) אויב ער און דער חבר זענען פין דרייצען און העכער איז נישטאָ קיין יחוד אויסער אויב מען וויל מחמיר זיין עפ״י מדת חסידות (פרק ג׳ או׳ א׳) [זעלבסטפאַרשטענדליך אַז די זעלבע הלכה איז אויך אויב די צוויי חברים זענען יונגער פין דרייצען, און אַנדערע צוויי, העכער דרייצען יאָר, געפינען זיך אין שטיב].

אויב עס זענען דאָ דריי פרויען איז אפילו קיין מדת חסידות נישטאָ, (דאז יש לצרף דעת האומרים פ״ג*, לעיל דבג׳ נשים ליכא יחוד, ע״ש).

ד) אויב איינער פין די מענער האָבען דאָרט אַ מוטער, שוועסטער, אָדער טאָכטער איז אפילו עפ״י חסידות נישטאָ קיין יחוד, (כמ״ש כבר דבכה״ג יש לצרף המתירים שמירת קרובים הללו כמבואר פ״א י״ח), אָבער אויב אויסער די מענער, איז דאָ דאָרט אַ יונגעל צווישען פינעף און דרייצען יאָר, (דיש מתירין בן ה׳ לשמירה, ויש בן ט׳ עי׳ פ״ד ותבין

ד*) אויב איין מאַן איז דרייצען דער צווייטער צווישען פינעף און דרייצען זאָל מען פרעגן אַ שאלה (עי׳ פ״ד), [זעה ווייטער או׳ י׳], אויב עס

איז דאָ דאָרט דריי פרויען אויסער זיי איז נישטאָ קיין יחוד, (דאז יש לצרף המקילין בפ"ד בקטן, וגם המקילין בג' נשים בפ"ג*). אַ יונגעל אינטער פינעף נוצט נישט (שם).

ה) אויב אויסער דעם דרייצען יעריגען זענען דאָ צוויי יונגלעך איינער פין פינעף ביז ניין יאָר, דער אַנדערער פין ניין ביז דרייצען יאָר, איז נישטאָ קיין יחוד, (עי' פי"א או' פ"ג, ופי"ד או' י"א ותבין).

ו) אויב די טיר אָדער פענסטער איז אָפען צו די גאַס און מען קען אַריינזען פין דרויסען יעדן ווינקעל פין שטיב איז אויך נישטאָ קיין יחוד, (עי' פרק ו' פרטים), זעלבסטפאַרשטענדליך אַז דאָס נוצט נאָר אויב די קינדער זענען בלויז אין דעם שטיב [ווי עס איז דאָ די טיר אָדער פענסטער], און זיי גייען נישט אַריין אין אַ זייטן שטיב.

ז) אויב עס איז נישטאָ אין שטיב נאָר אַ מיידעל אינטער דריי יאָר איז נישטאָ קיין יחוד (פרק ז').

ח) אויב עס איז דאָ אין שטיב איין גרויסע פרוי [אָדער מיידעל] מיט אַ קליין פאַרשטענדליך מיידעל [זעה פרק ד'] איז נישטאָ קיין יחוד (פרק ד'), [דאָ און אויך או' ט' רעדט מען אפילו פין פרעמדע, אָבער וועגן בלויז נאָנטע זעה ווייטער או' י']. (זעה באַמערקונג ווייטער, פאַר או' י"ב).

ט) אויב עס זענען דאָ דריי קליינע פאַרשטענדליכע מיידלעך אָהנע ערוואַקסענע איז נישטאָ קיין יחוד, (עי' פרק ב* או' א' בסופו) (בדבר הלכה סי' י' או' ה' הניח בצ"ע אם שרי להתייחד איש אחד עם שתי קטנות, ולענ"ד באם יש שני אנשים אף דמדת חסידות להחמיר מ"מ אם יש גם שתי קטנות אין צורך שוב להחמיר, וכן אפשר דיש להקל בשתי קטנות באם יש גדול בן י"ג ויותר, וגם קטן שסתמתי לעיל או' ד* לעשות שאלת חכם, מ"מ בצירוף שתי קטנות יש להקל, וצ"ע למעשה).

י) אויב עס איז דאָ דאָרט אפילו נאָר איין פרוי, אָבער זי איז אַ מוטער, שוועסטער, אָדער טאָכטער פין חבר איז נישטאָ קיין יחוד [עי' פ"א או' י"ח], אפילו אויב די צוויי חברים זענען איינער דרייצען און איינער ניין יאָר און העכער [זעה או' ד'], (והטעם חדא דבפ"א שם י"א שמירת אמו או אחותו מהני, וגם י"א בפ"ד דשמירת קטן בן ט' מהני והוא דעת רוב הפוסקים שם, ועי"כ כתבתי דבכה"ג ליכא יחוד, ואולי גם בקטן בן ה' שנים יש להקל ולסמוך על גדולי הפוסקים דס"ל דמהני כמ"ש שם).

יא) אויב ביי די פרוי וואָס איז אין שטיב איז דאָ איינע פין די אופנים פין פריער פרק י"א או' פ"ז פ"ח פ"ט, איז אויך נישט קיין יחוד.

יא*) וועגן דינים פין שלאָפען צייט זעה פרק ד' או' ה' ביזן סוף.

**באַזוכען אַ חבר'תא (פריינדינע):**

באַמערקונג: מיר ברענגען אַרויס געוויסע היתרים באַמערקנדיג אַז עס איז גילטיג אפילו אויב די מיידלעך זענען נישט קינדער אָדער שוועסטער

פון די מאַנ'ס פערזאָן וואָס געפינען זיך אין שטיב, כאָטש דאָס קומט פאַר זייער זעלטן ווייל געוועגליך ווען מען באַזוכט אַ חבר'תא געפינען זיך אין שטיב נאָר ברידער אָדער עלטערן, פינדעסטוועגן קען דאָס זיין אַ נפקא מינה, טיילמאָל, אויב מען באַזוכט אַ חבר'תא וואָס געפינט זיך ביי איר מומע, אָדער קרובה אַהן יחוד ווייל די עלטערן זענען אין שטיב א.ד.ג. און נאָכדעם וואָס די חבר'טעס זענען געקומען באַזוכען, זענען די עלטערן אַוועק פון שטיב און עס זענען געבליבן בלויז יונגלעך און מיידלעך וואָס זענען נישט געשוויסטער א.ד.ג.

יב) אויב אַ מיידעל אָדער פרוי באַזיכט איר חבר'טע, און יונגלעך אָדער מענער זענען אויך אין שטיב אויב אַ מאַן און ווייב זענען דאָרט איז נישטאָ קיין יחוד (עי' ריש פ' י"ב).

יג) אויב עס איז דאָ אויסער זיי נאָך איין מיידעל איז נישטאָ קיין יחוד, אויב איינער פון די מענער זענען אַ ברידער, טאַטע, זוהן פון אייער פון די פרויען, (דהו"ל ג' נשים דמותר כדאי' לעיל פרק ב', ואף ע"ג דיש אוסרין מ"מ שרי מטעם קורבה כדאי' פ"א או' י"ח).

יג*) אויב אַלע דריי זענען קליינע פאַרשטענדליכע מיידלעך אפילו זיי זענען פרעמדע איז נישטאָ קיין יחוד (עי' פרק ב* או' א' בסופו).

יד) אויב עס איז דאָ איין ערוואַקסען מיידעל, מיט אַ קליינע פאַרשטענדליכע מיידעל איז נישטאָ קיין יחוד (עי' פרק ד'), אפילו זיי זענען פרעמדע (עי' פרק ד').

טו) אויב אין שטיב איז נישטאָ קיין מאַנ'ס פערזאָן פון ניין יאָר און העכער איז נשיטאָ קיין יחוד (עי' פרק ז').

טז) אויב די יונגלעך זענען אַלע אינטער דרייצען [אפילו פון ניין און עלטער], און די מיידלעך אַלע אינטער צוועלעף, איז נישטאָ קיין יחוד (פרק ז').

יז) אויב עס איז דאָ צוויי מאַנ'ס פערזאָן אין שטיב אויסער די מיידלעך זעה די פינקטליכע דינים פריער או' ג' ד' ד* ה'.

יח) אויב די שטיב ווי די קינדער זענען האָט אַ טיר אָדער פענסטער צו די גאַס זעה או' ו'.

יט) נאָך ביישפילען ווען צוויי פרויען אַליין זענען אין שטיב און עס איז נישטאָ קיין יחוד זעה פרק יא או' פז, פח, פט.

כ) שלאָפען צייט ביינאַכט — אָדער אינטערוועגס קען זיין פאַרשידענע דינים אַביסעל אַנדערש זעה פרק ד' או' ה' ביז סוף פרק.

# פרק יג

## יחוד ביי געשעפטן (סטאָר"ס בלע"ז)

א) גייען אין אַ געשעפט קען טיילמאָל פאַרבינדען זיין מיט יחוד, כאָטש געווענליך איז עס אָפען צו די גאַס, אָבער ביינאַכט שפעט ווען מענטשען גייען נישט אויף די גאַסען, אַזוי אויך אַ געשעפט וואָס איז אָפען צו אַ זייטיגען געסעל ווי עס איז נישטאָ קיין פאַרקער, אָדער אַ געשעפט ווי מען גייט אַריין טיעף אינעווייניג וואָס מען זעהט נישט ביז אַהין פון אינדרויסען, אָדער אַ געשעפט ווי עס איז נישטאָ קיין פענסטער צו די גאַס נאָר אַ טיר וואָס איז פאַרמאַכט, כל שכן אויב עס איז פאַרשלאָסען, דאַרף מען געוואָרענט זיין מען זאָל נישט ציקימען צי יחוד, וועגן מער איינצעלהייטען זעה פרק ו', וועגן היתרים זעה פריער פרק יב.

ב) יחודביים פאָרען מיט אַ פאָר מאַשין (קאַר — CAR):

גאָר אַ אָפטע ערשיינונג פון יחוד פּראָבלעמען איז דאָ ביים פאָרען מיט קאַרס (CARS), טראַקס (TRUKS), באַסעס (BUSES) און דאָס גלייכען, דעריבער ליגט אַ הייליגע פליכט אויף די אַלע וואָס זייער באַשעפטיקונג און פרנסה איז בעיקר אין פירען אַ קאַר, באַס, ווען, א.ד.ג. מיט מענטשען גיט אַדורכצולערנען אַלע הלכות פון יחוד וואָס קומט פאָר ביי זיי אויף טריט און שריט, כדי זיי זאָלען ח"ו נישט געשטרויכעלט ווערן מיט צענדליגע איסורים טעגליך, און אַלע זייערע יחוד פּראָבלעמען זאָלען זיי איבערשמיעסן מיט אַ פאַרלעסליכען מורה הוראה.

דאָס זעלבע איז אויך פאַר די אַלע מענטשען וואָס האָבען קאַרס און באַסעס, און נעמען אויף פרעמדע מענטשען.

און דאָס זעלבע דאַרף אויך יעדער איינער געוואָרענט זיין און אויסלערנען אין שטיב וויאַזוי זיך צו פירען אין פאַל וואָס מען באַנוצט זיך מיט אַ פרעמדן קאַר און דרייווער.

גלייכצייטיג ווילען מיר באַמערקן אַז לכתחילה איז מער אויסגעהאַלטען סיי מצד יחוד, סיי מצד צניעות, דאָס אַ מאַן זאָל נעמען אַ מענער דרייווער (פירער), און אַ פרוי זאָל נעמען אַ פרויען דרייווער, און נישט פאַרקערט, [וועגן אַ פרוי דרייווער זעה ווייטער אות י"ג].

ג*) נאָר אפילו אויב מען איז געצווינגען צו נעמען פאַרקערט [אַ מאַן דרייווער פאַר אַ פרוי — פרוי דרייווער פאַר אַ מאַן] זאָל מען געוואָרענט זיין נישט ח"ו געשטרויכעלט צו ווערן מיט יחוד [זעה די הלכות ווייטער], מען דאַרף אויך געוואָרענט זיין אַז אַ מאַן זאָל נישט זיצען אינטער אַ פרוי, און אויב ער זיצט יאָ מיז ער אַראָפּקיקען, אָדער זיין אָוועקגעדרייט ביים

גאַנצען פאָרען, (עי' אבה"ע סי' כ"א סעי' א' ובפת"ש סק"א), און מען זאָל נישט האָבען קיין שום געשפּרעכען (שמיסען) מיטן דרייווער ווייל דאָס איז קעגן הלכות צניעות [זעה וויטער], און נישט דער שטייגער פון אַ באַשיידענער אידישע טאָכטער. [דעריבער איז זעלבסטפאַרשטענדליך אַז אויב מען פאָרט צו אַ אומוויכטיגען פלאַץ צ.ב.ש. באַזוכען אַ נאָנטען, א.ד.ג. און מען קען נאָר פאָרען אויף דעם אופן דאַרף מען זיך אָפּהאַלטען דערפון] [זעה אָר' ד'].

מען דאַרף אויך געוואָרענט זיין אַז אַ פרוי זאָל זיך נישט זעצן אין איין באַנק מיט אַ מאַן ח"ו, אפילו מיט אייגענע קרובים אויך נישט ווי צום ביישפּיל אַ מאַן'ס פערזאָן מיט זיין מומע, אָדער געשוועסטער־קינד (קאַזע"ן בלע"ז) אַ פרוי מיט איר פעטער — אַ שווער מיט אַ שניר, אַ שוויגער מיט אַ איידעם — אַ טאַטע מיט אַ שטיף טאָכטער, אַ מאַמע מיט אַ שטיף זוהן — אַ שוואָגער מיט אַ שוועגערן, חתן און כלה פאַר די חתונה [זעה ווייטער].

ג) אויב מען פאָרט דורך גאַסען און וועגן ווי נאָך אַנדערע קאַרס מיט פאַר־מאַשינען לויפען, אָדער סתם מענטשען דרייען זיך דאָרט און מען קען אַריינקוקען און זעהן אַלעס וואָס טיט זיך אין קאַר [פאַרהאַנען קאַרס און טראַקס וואָס האָבען פענסטערס איבעראַל פאָרענט, אינמיטען, אינטען, איז נישטאָ קיין יחוד אפילו ביי איין מאַן מיט איין פרוי (זעה פרק ו'), אָדער אויב די פענסטער זענען הויעך, אָדער פאַרהאַנגען מיט אַ פירהאַנג, דאַמאָלטס העלפט נישט דער היתר, זעה פרק ו'].

ד) דער היתר ענטהאַלט פאַרשידענע שוועריקייטען:

א) ווען מען פאָרט אַ לענגערע וועג אַזוי ווי אַרויס פון שטאָט, א.ד.ג., איז כמעט נישט מעגליך אויסצומיידען מען זאָל נישט פאָרען אויף וועגן ווי עס דרייען זיך נישט קיין קאַרס אָדער מענטשן.

ב) ביינאַכט אפילו אין שטאָט איז דאָ דער זעלבער פּראָבלעם.

ג) צוליב בושה שעמט מען זיך צו זאָגען פאַרן דרייווער (מנהיג) ער זאָל נישט פאָרען אויף די קליינע זייטען גאַסען, נאָר אויף די גרויסע.

ד) עס איז ערגער ווי סתם יחוד, ווייל דער דרייווער האָט אַלע ברירות צו פאָרען דאָרט ווי ער וויל, אָהנע שטערונג [און געווענליך פאַרשטייט נישט דער מיטפאָרער, אויב ער פאָרט דעם ריכטיגען וועג אָדער נישט].

ה) דער היתר פון יחוד ווייל מען קען אַריינקיקען אינעווייניג דאַרפען זיך מדקדקים דערוויטערן דערפון [זעה פרק ו'].

ה*) ביינאַכט פאָרט מען דורך גאַסען וואָס זענען נישט שטאַרק באַלויכטען, קען מען נישט גוט געהעריג אַריינקיקען אינעווייניג.

ו) אויב דער דרייווער מאַכט אַ געשפּרעך מיט די מיטפאָרענדיגע פרוי, איז איר זייער שווער זיך צו אָפּהאַלטען דערפון.

ז) אַ פרויען דרייווער מיט אַ מענער מיטפאָרער קען זיין נאָך ערגער מצד צניעות בפרט אויב זי איז נישט געקליידעט ווי מען דאַרף, זעה אויך אות ג'*.

דעריבער איז זעלבסטפארשטענדליך אז אויב עס איז נאר דא א מעגליכקייט אפילו עס קומט אהן שווער דארף מען זיך צוריקהאלטען פין דעם היתר, און אפילו ווען מען נוצט יא דעם היתר זאל עס זיין אויסגע־האלטען מיט די הלכה פין יחוד [זעה פריער אר׳ ג׳], און מיט די הלכות פין צניעות [זעה אר׳ ג*].

ה) אויב אין פאר מאשין [קאר, טראק, באס] איז נישטא קיין מאן׳ס פערזאן פין ניין יאר און העכער איז נישטא קיין חשש פין יחוד (זעה פרק ז׳).

ו) אויב עס איז נאר דא מענער אינטער דרייצען יאר, און פרויען אינטער צוועלף יאר איז נישט קיין יחוד (פרק ז׳).

ז) אויב א מאן מיט זיין ווייב פארען מיט איז נישטא קיין יחוד (פרק א׳ פרק ה*).

ח) אויב צוויי מענער זענען דא פין דרייצען און העכער זעה פריער פרק יב אר׳ ג, ד, ה, י. אויב איינער איז דרייצען דער אנדערער צווישען פינעף און דרייצען זעה אר׳ ד*, ה, י.

ט) אויב עס זענען דא דריי מענער איינער פין דרייצען [אדער העכער], איינער פין פינעף ביז ניין יאר, איינער פין ניין ביז דרייצען איז נישטא קיין יחוד, (עי׳ פרק יא, אר׳ פג ותבין).

י) אויב עס פארט מיט מיידלעך אינטער דריי יאר איז נישטא קיין יחוד (פרק ז׳).

יא) וועגן היתרים דורכדעם וואס מערערע פרויען פארען מיט, זעה פרק יב אר׳ ח, ט, און אויך פרק יא אר׳ פז, פח, פט.

[ביינאכט אין צייט פין שלאפען, אדער ווען מען פארט אינטערוועגס איז די הלכה טיילמאל אנדערש ביטע צו זעהן אלע איינצעלהייטען פרק ד׳ אר׳ ה׳ ביזן סוף].

מיט יעדע קאמפליצירטע פראגע זאל מען זיך פארבינדען מיט א מורה הוראה, און ח״ו נישט אליינס פסק׳נען.

יב) און ווען מען איז שוין פארטיג מיט יחוד זאל מען נישט פארגעסן דעם פונקט פין צניעות זעה פריער אר׳ ג*, באזונדערס דארף מען געווארענט זיין וועגן רעדן אדער ח״ו ווערטלען מיט א פעמדע פרוי וואס קען גרינג פאסירען פארענדיג צוזאמען, וואס איז עפ״י הלכה שטרענג פארבאטן אינטערוועגס פינקט ווי אין שטיב [זעה ווייטער].

[נאך ענינים פין צניעות וואס מען דארף געווארענט זיין הויפטזעכליך ביים פארען מיט טראקס און באסעס זעה אר׳ כ״ח].

יג) כאטש מיר פארהאנדלען דא בעיקר די דינים פין יחוד, מיזען מיר זיך אפשטעלן א ווילע איבער דאס פרויען דרייווען און איר שעדליכקייט צום גייסטיגען שטאנדפונקט.

1) ערשטענס, דאָס איז באַוואוסט פאַר יעדן וואָס פאַרמאָגט נאָר אַ ריח תורה אַז עפ״י תורה והלכה דאַרף אַ אידישע פרוי צו שטרעבן ווי ווייט מעגליך נישט צו דרייען זיך אינדרויסען פון שטיב — כל כבודה בת מלך פנימה. מיר ברענגען ווייטער באריכות פון די ראשונים וואָס שרייבען אַז זי זאָל מער נישט אַרויס אויף די גאַס ווי איינס אָדער צוויי מאָל אַ חודש, דאָס וואָס עס איז פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען שטאַרק דער הלכה און פונקט פון צניעות, ווערט דורך די פוסקים צוגערעכנט צווישען די אַנדערע הינדערטער פירצות מיט גייסטיגע קרבנות וואָס די צרות און גליות האָבען געברענגט.

דורכדעם וואָס אַ פרוי הייבט אָן פירען אַ וואָגען (קאַר בלע״ז), ווערט פאַרלאָשען דאָס לעצטע פונק פון די מדה, ווייל אַ פרוי האָט שוין נישט קיין שום אָפהאַלט צו גיין און קומען ווען זי וויל, און ווי זי וויל, דאָס איז איינס, (להסמ״ק צניעות מה״ת — עי׳ בה״ל סי׳ ב׳).

2) זי קען צוקימען דורכען פאַרען איבער אַלע עקן ווי זי וויל נאָר, וואָס איז אַ גרויס שאָדען פאַר צניעות און אידישקייט, והמ״י.

3) אַ מאַן קען נישט קאָנטראָלירען ווי זיין פרוי איז, אויב זי גייט בלויז צו גוטע פלעצער.

4) דער וואָס פירט דעם וואָגען (קאַר) ציהט דעם אויג פונעם דורכגייער בפרט אויב זי איז אַ פרוי.

5) עס קען זיין אַז עס גייט אַריין אין די קאַטעגאָריע פון נאָכטוהן דעם גוי [חוקת הגוי], זעה ווייטער.

6) לויטן מדרש און טייל מפרשים איז דאָס פינקט ווי אַ פרוי וואָלט אָנגעטוהן אַ מענער קלייד, (עי׳ היטב ילקוט ורד״ק שופטים ה׳ עה״כ ידה ליתד תשלחנה).

7) עס ברענגט אַריין אין איהר דאָס געפיהל צו זיין פינקט אַזאַ וואָרט זאָגער און מיינונג טראָגער אין אַלע שטיב זאַכען ווי דער מאַן, והא ראי׳ אַז אַלעס וואָס דער מאַן טוט איז זי גלייך צו אים.

8) ועל כולם האָט דאָס זייער אַ שעדליכע ווירקונג אויף די אייגענע קינדער וואָס קיקען דאָס צו, אויסערדעם וואָס די קינדער וואַקסען אינטער וויסענדיג אַז אַ פרוי מעג דרייווען, און איין באַשעפער ווייסט אין קומענדיגען דור [וואָס פאָלט געוועגליך] צו וואָס פאַרא צוועקן דאָס וועט גענוצט ווערן [דאָס איז געזאָגט אפילו פאַר די מאַמעס וואָס ווייסען אויף זיכער אַז זיי נוצען דאָס בלויז פאַר דרינגענדע שטיב זאַכען].

9) עס איז זייער אַ לייכטע זאַך אַז מיידלעך זאָלען זיך מורה היתר זיין [גרינג האַלטען], צו פירען אַ קאַר דורכדעם וואָס פרויען טוען דאָס, און דאָס איז אַ גרויסער חורבן, זעלבסטפאַרשטענדליך.

**יחוד אינדערהיים:**

יד) עס קען זיין יחוד אפילו אויב מען איז ביי זיך אינדערהיים, צ.ב.ש. אויב מען פאַרדינגט איין שטיב אָדער צוויי פון די דירה, פאַר אַ פרעמדן, און עס קען לייכט פאַסירען אַז אין די גרויסע דירה בלייבט בלויז אַ מאַן,

און אין די שטיבלעך בלויז אַ פרוי, אָדער פאַרקערט און זיי ווייסען דערפון, נאָך דערצו אויב דאָס איז נישט בלויז אַמאָל נאָר שטענדיג, און מען דאַרף פרעגן אַ שאלה ווי אַזוי זיך צו פירען, [אויב עס איז דאָ מער מענטשען ווי בלויז איין מאַן און איין פרוי, איז טיילמאָל נישט שייך קיין יחוד זעה פריער אר׳ ג, ה, ו, ז, ח, ט, י, יא.

טו) ביי אַ צוויי פאַמיליע הויז ווי איינער קען גיין צום צווייטען דורך אינעווייניג אָהן אַרויסגיין אויף די גאַס, אויב אין איין דירה בלייבט אַ מאַן, און אין צווייטען אַ פרוי [צום ביישפיל די אַנדערע אַרבעטן און בלויז זיי בלייבען אינדערהיים], זאָל מען פרעגן אַ שאלה, אויב עס איז דאָ אַנדערע מענטשען אויך זאָל מען זיך פירען לויט די התירים פון פריער אר׳ ג, ה, ו, ז, ח, ט, י, יא.

**שטיף קינדער — אַדאַפטירטע קינדער:**

טז) אין אַ שטיב ווי עס זענען דאָ שטיף קינדער, דאָס מיינט אַז די פרוי האָט דאָ קינדער פון אַ פריערדיגען מאַן, אָדער דער מאַן האָט פון אַ פריערדיגען פרוי, אָבער ביידע האָבען פון פריער דאַרף מען געוואָרענט זיין קעגן יחוד, דאָס מיינט אַז דער טאַטע טאָר נישט זיין אַליינס מיט זיין שטיף טאָכטער, און דער מאַמע טאָר נישט זיין מיט איר שטיף זוהן, אפילו מען האָט זיי געהאָדעוועט פון קליינוויז אָן, (כן הזהיר החזו״א כמובא בשמו בדבר הלכה סי׳ ז׳ סעי׳ כ׳), דאָס זעלבע שטיף ברידער און שוועסטער דאָס מיינט זיי זענען נישט פון איין טאַטען און נישט פון איין מאַמע, דאַרפען אַכטונג געבן נישט צו זיין אַליינס צוזאַם.

יז) וועגן התירים זעה פריער אר׳ ג, ה, ו, ז, ח, ט, י, יא. אויב מען האָט שוועריקייטען זאָל מען זיך איבערשמיסען מיט אַ מורה הוראה.

יח) וועגען אַנדערע דינים דאַרף מען אויך געוואָרענט זיין מיט שטיף קינדער — אָדער געשוויסטער ווי צ.ב.ש. אָנרירען זיי, אויפהייבען זיי נאָך די דריי יאָר (אַ טאַטע דעם טאָכטער) אַזוי ווי די פוסקים שרייבען [זעה איינצעלהייטען ווייטער], (כמבואר בשם החזו״א כנ״ל, וכ״כ הגה״צ מהר״י גרינוואלד שליט״א אבדק״ק פאפא יע״א, מובא בטהרת יו״ט, ושו״ת משנה הלכות).

יט) די זעלבע הלכות זענען אויך פאַר אַדאַפטירטע קינדער [דאָס מיינט קינדער אָוועקגענומען פון זייערע עלטערן, אויפצוהאָדעווען, זעה אויספירליך ווייטער פרק טו].

# אַריינלאָזען אין שטיב, אַ אַרבעטער — אַ משולח (געלט גייער) — אַ אורח — אַ משרת אָדער משרתת א.ד.ג.

**אַ אַרבעטער:**

כ) אַ פרוי דאַרף זייער אַכטונג געבן אויב עס קומט אין שטיב אַ אַרבייטער עס זאָל נישט זיין מיט יחוד, ווייל דאָס איז אַ טאָג טעגליכע ערשיינונג אַז עס קומט אינמיטען טאָג אין שטיב אַ אַרבייטער צו פאַרעכטען וואַסער, לעקטער, פענסטער, הייצונג, טעלעפאָן, בוי מייסטער, דער וואָס שפריצט קעגן שרצים (עקסטערמינעיטער), פאַרבער (פעינטער) אָדער די וואָס ברענגען עסענוואַרג אין שטיב (דעליווערער), אַ אָדער אַ פאָסט טרעגער, פעדלער (Reddler), א.ד.ג. און אַזוי ווי מערסטענס איז נאָר די פרוי אַליינס אין שטיב גייט דאָס נישט אַדאָרך אָהנע יחוד, מען באַגייט אָבער דעם האַרבען איסור פון יחוד, און אפילו אויב נאָך אַנדערע זענען דאָרט קען זיין יחוד.

כא) וועגן די פינקטליכע הלכות זעה אוֹ׳ ג, ה, ו, ז, ח, ט, י, יא.

כב) דאָס זעלבע מיט די וואָס נעמען אַ גוי אויפצורוימען דער דירה, און בלויז אַ פרוי איז אין שטיב איז דאָ יחוד.

אָדער אויב אַ מאַן איז אַליין אין שטיב און אַ גוי׳טע רוימט, די הלכות זענען אַזוי ווי אָנגעצייכענט אין אוֹ׳ כא).

**אַ משולח — אורח:**

כג) די אַלע הלכות פון יחוד זענען פינקט אַזוי גילטיג ווען עס האַנדעלט זיך אין אַ מצוה צום ביישפילען אַ אורח (גאַסט) קלאַפט ביים טיהר און נאָר אַ פרוי איז אין שטיב, כאָטש די מצוה פון הכנסת אורחים איז זייער גרויס, אָבער נישט ווען עס איז פאַרבינדען מיט יחוד [ווי די ספרים שרייבען (ס׳ יוסף אומץ) אַז אויב מען לערנט אין די זעלבע צייט וואָס מען באַגייט יחוד איז דאָס גאַנצע לערנען גאָרנישט ווערט] די עצה איז צו בעטען ער זאָל קומען ווען אַנדערע זענען אין שטיב [זעה פריער אוֹ׳ כא].

צוליב באַשיידענקייט און אָפּגעהיטענקייט פירען זיך נשים צנועות אפילו נישט צו עפענען די טיר ווען אַ מאַן קלאַפט און איר מאַן איז נישט אינדערהיים נאָר צו ענטפערן מיט אַ צוגעמאַכטע טיר, אַז מען זאָל מוחל זיין קומען די צייט וואָס אַנדערע זענען אויך אינדערהיים, עס איז פון גרויס וויכטיקייט אַז יעדער איינער זאָל אויסלערנען אין שטיב זיך אַזוי צו פירען,

און אויב יענער האָט עפּעס אַ פּעקל געבּרענגט זאָל ער מוחל זיין דאָס איבערלאָזען ביים טיר, און מען נעמט דאָס ווען יענער גייט אַוועק.

כד) די זעלבע מיט איינעם וואָס גייט נאָך געלט זאָל מען נישט אַריינ־לאָזען, אָדער בעסער אפילו נישט עפענען די טיהר, און פאַרלאַנגען ער זאָל קומען ווען איר מאַן איז אין שטיב, אויב עס איז נישט מעגליך זאָל מען אים געבן געלט דורך די שפּאַלטענס פון טיר [אָדער אינטער די טיר], ווייל אויב מען לאָזט אַריין אין שטיב איז מען עובר אויף יחוד און די צדקה האָט נישט קיין ווערט (זעה אר׳ כג), (וע״ז נאמר אני ד׳ שונא גזל בעולה).

**יחוד אין שפּיטאָל:**

כה) אין שפּיטאָל קען אויך זיין יחוד, אַ מאַן איז אין זעלבן שטיב ווי אַ פרוי [אפילו מען קען אַדאַרך ציען אַ פאָרהאַנג צווישען זיי העלפט דאָס נישט קעגן יחוד], און די טיר איז צוגעמאַכט, אָדער עס איז אָפען צו אַ פּלאַץ ווי מען דרייט זיך נישט, אָדער ביינאַכט, איז אַ ערנסט חשש יחוד, אין אַ נויט פאַל זאָל מען פרעגן אַ שאלה.

**יחוד ביי עלעוועיטער:**

כו) ביי עלעוועיטער נישט קיין חילוק אויב דאָס איז אין אַ הויז ווי מען וואוינט, אָדער אין אַ פאַבריק, אָדער שפּיטאָל, אָדער האָטעלן, און דאָס גלייכען אויב אַ מאַן פאָרט אַליינס מיט אַ פרוי אינעם עלעוועיטער איז דאָ אַ ערנסטע חשש יחוד, און אויב מען פאָרט מיט אַ גוי אויסערדעם חשש יחוד, איז אויך דאָ אַ חשש סכנה, דעריבער דער וואָס באַנוצט זיך אַסאַך מיטן עלעוועיטער און עס פאַסירט אים די שאלה זאָל ער זיך דורכשמיסען מיט אַ מורה הוראה צוגעבנדיג אַלע קלאָרע איינצעלהייטען ווי אַזוי עס אַרבעט, צום ביישפּיל אויב מען קען עס אָפּשטעלן אינמיטען פאָרען פון דרויסען דורך אַ דריק אין קנעפּל עס זאָל בלייבען שטיין אינמיטען פאָרען, אָדער נישט, אויב אַ מענטש שטייט אינעווייניג בקביעות צו פירען דעם עלעוועיטער און ער האָט די ברירה צו בלייבען שטיין אָדער פאָרען וויאַזוי אים גליסט זיך.

אויב עס איז דאָ אַ גרויסער פאַרקער ביים עלעוועיטער, אָדער זעלטן ווען מען ניצט עס, וויפיל איז די וויינינגסטע צייט [לויטן זייגער] וואָס כאָטש אַזויפיל מיז מען זיין אין עלעוועיטער איידער עס שטעלט זיך אָפּ.

אויב דער מורה הוראה איז מתיר אַראָפּצופאָרען אויך [ווייל עס איז אַ היתר גמור] אָדער נאָר אַרויפצופאָרען [ווייל עס איז אַ שעת הדחק], אַלעס מיז ווערן פינקטליך איבערגעשמיסט.

כז) אויב עס איז דאָ איינע פון די אויבענדערמאָנטע התירים אר׳ ג, ה, ו, ז, ח, ט, י, יא, איז נישטאָ קיין יחוד, [אָבער וועגן חשש סכנה העלפט דאָס

נישט], סאך מדקדקים שטרענגען זיך אהן ווי ווייט מעגליך צו נוצען בלויז שטיגען, בפרט אראפגייענדיג.

כח) דאס פארען אין עלעוועיטער קען טיילמאל אויך פארבינדען זיין מיט נאך איסורים, ווייל טיילמאל איז עס אנגעפילט מיט מענטשען, און פרויען, און מען מיז זיך אנרירען, אדער גאר זיין צוזאמענגעדריקט איינער אין אנדערן, וואס איז אסור עפ"י התורה, (זעה אבן העזר סי' כ"א, און ווייטער).

און די זעלבע דארף מען אויך געווארענט זיין ביים אריינגיין און ארויסגיין פין און צום עלעוועיטער. מען דארף אויך געווארענט זיין אין דעם איסור פין שטיין אינטער א פרוי, (אבן העזר סי' כא ס"א, ופת"ש סק"א), און דאס איז זייער אפט שייך ביי עלעוועיטער אויב מען שטייט אריינציר און א פרוי שטייט פאר אים, און די איינציגע עצה איז צו שטיין ביי די טיר, אדער אוועקגעדרייט מיטן פנים, דאס זעלבע דארף מען אכטונג געבן ביים גיין אויף די גאס, אדער אין גרויסע ביזנעס פלעצער ווי דער פארקער איז גרויס אז מען זאל נישט גיין אינטער א פרוי נאר זיין כאטש אכט (8) פיס פין אינטען אז מען זאל איר נישט זעהן גיין (ע"ש).

דאס אייגענע איז געזאגט געווארען אויך פאר באסעס וואס עס פארען דערינען מענער און פרויען, מען זאל געווארענט זיין נישט צו קומען אין בארירונג מיט א פרוי [אזוי ווי עס פאסירט ליידער אפט אז צוליב מורא דאס מען וועט ארויסבלייבען פון באס שטיפט מען זיך ביים ארויפגיין מענער און פרויען וואס איז נישט צניעות'דיג און נישט אידישלעך, און נישט מענטשלעך], כל שכן צו זיין צוזאמענגעדריקט אינעווייניג איז זיכער נישט אויסגעהאלטען לויט די הלכות פין צניעות.

**יחוד ביי די ארבעט:**

כט) אויך ביי די ארבעט קען אפט פארקומען שאלות פין יחוד און מען דארף זייער געווארענט זיין, באזונדערס ביי אפיסעס, וואס ביי א גרויס טייל פלעצער זיצט ליידער דארט רוב טאג בלויז דער בעל הבית מיט די אפיס פרוי — אדער מיידעל, נישט נאר ביי א פלאץ ווי עס ארבעטן בלויז א מאן מיט א פרוי איז דא א שאלה וועגן יחוד, נאר אפילו ביי די פלעצער ווי עס ארבעטן צוזאם מערערע מענער מיט מערערע פרויען איז רוב מאל א גאר ערנסטע שאלה וועגן יחוד, (זעה פרק ג או' ד די כוונה), דעריבער זאל מען זיך נישט בארוהיגען דאס געוויסען מיט דעם וואס די טאכטער, אדער ווייב ארבעט ביי א פלאץ ווי עס ארבעטן מערערע פרויען, ווייל אפילו עס ארבעטן דארט טויזענט פרויען און טויזענט מענער קען זיין איסור יחוד.

און פינקט ווי עס קען זיין יחוד ביי ארבעטס פלעצער (פעקטעריס), און אָפיסעס, קען אויך זיין יחוד ביי געשעפטן (סטאָרס) [זעה פריער או׳ א׳], און אפילו ביי לערעריןס (טיטשער״ס בלע״ז) אויב זיי זענען מיטן מנהל (פרינציפע״ל בלע״ז) אַליינס אין שטיב, אָדער מיט א אַנדערען אָפיס מאַן, איז דאָ יחוד, יעדענפאַלס דאַרף יעדער טאַטע וויסען און געדענקען אַז עס איז כמעט נישטאָ אַ אַרבעט אין דער וועלט ווי עס זאָל נישט זיין אַ אופן מען זאָל קומען צו יחוד.

דערפאַר פאַרלאַנגט זיך צום ערשט אַז דער טאַטע זאָל זעהן דערצו אַז זיין ווייב און טעכטער וואָס גייען אַרבעטן זאָלן זיין גוט באַקאַנט מיט אַלע דינים פון יחוד [וואָס צו דעם דאַזיגען צוועק האָבען מיר געדריקט דעם ספר], און זיך נישט פאַרלאָזען אויף דעם אַליין נאָר גוט חוקר ודורש זיין (נאָכפאָרשטן) וויאַזוי דער גאַנצער סיסטעםביים אַרבעטס פלאַץ גייט צו, כדי צו זיין רוהיג אַז זיי ווערן נישט נכשל אין יחוד, [דאָס בעסטע איז אויב מען קען פערזענלעך זיך אומקיקען אויפן פלאַץ].

און מיט דעם אַליין איז מען נאָכנישט יוצא, דער רמב״ם (ה׳ דעות) שרייבט, און דער פראַקטיק ווייזט, אַז די גרעסטע השפעה אויפן מענטש האָבען די חברותא און שכנים, דורך זיי קען זי דערהויבען ווערן צו די העכסטע שטופע, און ח״ו פאַרקערט אויך, דעריבער ליגט אַ גרויסע אחריות אויף עלטערן איידער זיי לאָזען די קינדער צו די אַרבעט [דאָס זעלבע אַ מאַן זיין פרוי], זיך גיט נאָכצופרעגן ווער זענען די בעלי בתים, און אַנדערע אַרבעטער, און אַכטונג געבן אַז די קינדער זאָלען זיך אין דער פרעמד נישט אויפפירען אַנדערש ווי אינדערהיים.

און מיט דעם אַליין איז מען נאָכנישט יוצא, דער רמב״ם (ה׳ דעות) שרייבט, און דער פראַקטיק ווייזט, אַז די גרעסטע השפעה אויפן מענטש האָבען די חברותא און שכנים, דורך זיי קען זי דערהויבען ווערן צו די העכסטע שטופע, און ח״ו פאַרקערט אויך, דעריבער ליגט אַ גרויסע אחריות אויף עלטערן איידער זיי לאָזען די קינדער צו די אַרבעט [דאָס זעלבע אַ מאַן זיין פרוי], זיך גיט נאָכצופרעגן ווער זענען די בעלי בתים, און אַנדערע אַרבעטער, און אַכטונג געבן אַז די קינדער זאָלען זיך אין דער פרעמד נישט אויפפירען אַנדערש ווי אינדערהיים.

צום ביישפיל זיי זאָלען נישט פירען קיין געשפרעכן (שמיסען) מיט פרעמדע מענער [נישט קיין חילוק אויב דאָס איז אַ אַרבעטער, סעילסמאַן,

בעל הבית א.ד.ג.] נאר וואס געהער צו די ארבעט, נישט הערן ח"ו ראדיא, נישט נעמען אין האנט א ביכל, אדער צייטונג ח"ו, נישט חבר'ן זיך מיט מאדערנע אדער פרייע פרויען, כל שכן גוי'טעס, און אנדערע געמיינע עלעמענטען, נישט ח"ו געבן די האנט פאר א סעילסמאן א.ד.ג. [וואס פאסירט אפט לײדער].

דער פאטער מיז האלטען איבער די זאכען א אפענעם אויג, ווייל די מכשולות זענען לײדער אומבאשרייבליך, און די פירצות וואקסען טאג טעגליך.

ספעציעל ביי די וואס ארבעטן אין א אפיס פארלאנגט זיך געוואלדיג סייעתא דשמיא מיט עקסטרע זכות אבות מען זאל ח"ו נישט פאלען אין צניעות און קדושה, און די נסיונות דארט זענען גרויסע, עס איז דעריבער זייער פארשטענדליך די הייליגע רייד פין כ"ק מרן אדמו"ר רשכבה"ג מסאטמר שליט"א וואס האט מגלה געווען דעת קדשו אז עלטערן מיט מענער זאלן מיט אלע מעגליכקייטען אפהאלטען די פרויען און טעכטער פין אפיס ארבעט, ווי אויך רוב מנין ובנין פין די גאונים און אדמורי"ם פין אמעריקע האבען מפרסם געווען [אין א קול קורא] זייער איינציגע מיינונג אז מען דארף זיך פין דעם אפהאלטען מיטן גאנצען כח, [וברוך השם אז לא אלמן ישראל, און לויט ווי עס ווייזט אויס איז געווארען א גרויסע ענדערונג צום גיטען אין דעם הינזיכט אין אלע חרדישע קרייזען, השי"ת זאל העלפן ווייטער אויך].

## פרק יד

## יחוד ביי דאקטוירישע באזוכען

(וועגן אנדערע פראבלעמען ביי דאקטוירים זעה פרק טז אויספירליך)

עס הערשט א גרויסע נאכלעסיגקייט אין פרט פין יחוד ביי דאקטוירישע באזוכען אויסער זייטיגע מכשולות [זעה ווייטער פרק טז], דעריבער דארף יעדער איינער דאס ערנסט נעמען, און אויך אכטונג געבן ביים הויזגעזונד דערויף.

## מיר ציטירען די הלכות איינציגווייז קודם פאר מענער, נאכדעם פאר פרויען

די אלע ווייטערע הלכות זענען ביי אלע סארט דאקטוירים, סיי ביי מעדיצינישע, סיי ביי נאטירליכע דאקטוירים (וואס היילען נאטורלער), פסיכאלאגען, קיראפראקטער, פראפעיסארען, דאקטוירים פאר

ערוואַקסענע, דאָקטוירים פאַר קינדער, דאָקטוירים וואָס באַהאַנדלען אויסערליכע פראָבלעמען אָדער אינערליכע, בייטאָג אָדער ביינאַכט, סיי אין אַ פריוואַט הויז (אָפיס) סיי אין אַ גרויסע מעדיצינישע בנין (מעדיקל בילדינג), סיי דער יחוד איז אינעווייניג ביים דאָקטער, סיי אין וואַרט זאַל, סיי ביי אַנדערע באַהאַנדלונגען אַזוי ווי בילדער נעמען (עקס־רעי) א.ד.ג.

**מענער ביי דאָקטוירים:**

[די היתרים ווערען ציטירט אין קורצען ווייטער אוו׳ כג].

ב) אויב אַ מאַן גייט צו אַ מאַן דאָקטער, און ער איז אינעווייניג ביים דאָקטער מיטן דאָקטער אַליין אָהנע שום פרוי העלפערן איז נישטאָ קיין שום יחוד, אָבער ער דאַרף אויף אַכטונג געבן אַז אין וואַרט זאַל זאָל נישט זיין קיין יחוד, אויב דער סיסטעם (גאַנג) פין וואַרט זאַל איז אַז מענטשען גייען און קומען שטענדיג דאַרף מען נישט חושש זיין אויף יחוד, (הטעם פשוט דהנה דעת הרבה פוסקים דבית פתוח לרה״ר אף שהדלת סגורה אם אינו נעול במנעול מותר להתייחד שם, והם הרשב״א סי׳ תתתנ״א, רדב״ז ח״א קכ״א, מבי״ט ח״א רפ״ז, רבינו יונה בס׳ היראה רל״ה, בנין ציון קל״ח, מהרש״ם ח״ב סי׳ ע״ו ומפתחות לאבה״ע, שו״ת דובב מישרים להג׳ מטשעבין סי׳ ה׳ ואף דבמקצת פוסקים אוסרים והם הבית מאיר והגרעק״א סי׳ ק׳ מובא בפת״ש סק״ח, ובית שלמה או״ח ח״א מ״א, הנה המעיין בדבריהם בעיניו יראה כי שם מיירי בבית שלא נעשה כלל לעוברים ושבים ליכנס בתוכו, וס״ל להפוסקים דעיקר התירו של פתח פתוח ע״י שעוברים יכולים להסתכל בפנים וע״כ צריך להיות באמת פתוח ממש, משא״כ בבית הרופא שנעשה באופן זה שהולכים ובאים כל היום לכו״ע שרי אע״ג שהפתח סגור (בלי מנעול) דמה לי מירתת ע״י העוברים ושבים המסתכלים בפנים, מה לי מירתת פן יכנס אחד לחדר, והדברים לא ניתנו ליכתב מרוב פשטותן, ועי׳ ברכ״י מובא בפת״ש סק״ט דפתח פתוח מהני אפילו לעסקו עם הנשים, ואפילו בפרוץ, וא״כ מהני בכל מיני רופאים).

ג) אויב דער וואַרט זאַל איז אַנדערש דאָס מיינט אַז דער דאָקטער נעמט אויף פינקטלעך לויטן זייגער און עס געפינט זיך נישט אין וואַרט זאַל געוועגליך נאָר איינס אָדער צוויי מענטשען, אויב עס געפינט זיך דאָרט אַ פרוי סיי אַ העלפער (נויר״ס) אָדער פין די באַזוכער (פאַציענטן), איז שוין אַ שאלה פין יחוד, אויב דער וואַרט זאַל האָט פענסטערס צו די גאַס ווי עס דרייען זיך מענטשען און מען קען גיט אַריינזעהן אין וואַרט זאַל איז נישטאָ דאָרט קיין יחוד (עי׳ פרק ו׳ פרטים).

ד) דאָס זעלבע אויב אינעווייניג ביים דאָקטער געפינט זיך אַ פרוי העלפערן (נויר״ס בלע״ז) און די טיר צום וואַרט זאַל איז צוגעמאַכט, אפילו נישט פאַרשלאָסען איז דאָ יחוד, (לא מיבעי אם היא אשה זרה כסתם משרתת דלא מהני, דהו״ל איש אחד כשר עם גוי׳ ועם גוי [ואף אם הוא ישראל או היא ישראלית מלידה מ״מ כיון שמומר לכל התורה דינו כעכו״ם, כמבואר ביור״ד רי״ד ה׳ שחיטה, סי׳ ב׳ סעי׳ ה׳, עי׳ שמ״ח

סעי' י"ד, ט' ומהר"ם שי"ק חו"מ ס"א ה', ועי' מחנה חיים ח"ב יור"ד סי' ב', דע"ת ס"ק כ"ז,ורופא ישראל שומר תורה מבואר דינו בסמוך] דלא מהני לכו"ע, עי' לעיל פרק ג' או' ג' — אלא אפי' היא אשתו של הרופא לא מהני עי' פרק ה* או' ט' י"ב, ואפילו לפוסקים הנ"ל או' ב' דפתח סגור ולא במנעול מהני מ"מ במקום שאין רשות לשום אדם להכנס שם גם לדעתם לא מהני כמבואר ברדב"ז, ובנ"ד שם ומובא בדבר הלכה סי' ג' או' ב').

ד*) אויב דער טיר פון דאָקטער'ס באַהאַנדלונג שטיב איז אָפען צום וואַרט זאַל ווי עס איז דאָ מערערע מענטשען וואָס קומען, גייען, זיצען, [אַזוי ווי מיר האָבען געשריבען פריער או' ב'], אָדער אפילו עס איז נאָר דאָ דאָרט אייצעלנע מענטשען אַזעלכע וואָס היטען פון יחוד וואָס ווערן דערמאָנט ווייטער או' ו, ח, ט, י, יא, יב, יג, טז, יז, יח, יט, איז נישטאָ קיין יחוד, אויב דער טיר איז געננוג אָפען מען זאָל קענען אַריינזעהן אַלעס וואָס טוט זיך אין שטיב פון דאָקטער, (עי' מראה מקום לאו' ב' ותבין דברינו כאן). אָדער אויב דער וואַרט זאַל האָט פענסטערס צו די גאַס וואָס מען קען פון דאָרט אַריינזעהן ביז אינעווייניג אין דאָקטער'ס צימער, אָדער אויב דער דאָקטער'ס שטיב איז געהעריג אָפען צו די גאַס און מען קען פון דאָרט אַריינזעהן (שם).

ה) אויב עס איז נישטאָ די אויבענדערמאָנטע התירים [אָדער דער וואָס וויל זיך נישט פאַרלאָזען אויפן היתר פון אָפען טיר — אָדער פענסטער ווי מיר דערמאָנען אין פרק ו' או' ג' ה'] דאַמאָלטס זאָל מען זיך פירען אַזוי ווי פאָלגענד:

[באַמערקונג: די ווייטער ביישפּילען אַזוי ווי צ.ב.ש. „אויב עס איז דאָ צוויי מענער" מיינט דאָס נישט אויסער דעם וואָס באַזונדער יעצט דעם דאָקטער, נאָר אַלעס צוזאַם אים אויך אַריינגערעכענט.

די אַלע מענטשען אָדער קינדער וואָס ווערן דערמאָנט ווייטער מיינען אויסדריקלעך אַזעלכע וואָס היטען תורה און מצוה נישט להבדיל גוים, און אויך נישט פרייע אידען וואָס פירען זיך — ווי גוים].

ו) ער זאָל גיין מיט זיין ווייב צום דאָקטער (פ"א ופ"ה*).

ז) עס איז אויך געננוג אויב דער דאָקטער איז אַ שומר תורה ומצות און זיין ווייב איז דאָרט מיט אים (שם), אפילו זי איז נישט ממש מיט אים אין זעלבן שטיב, נאָר אין אַנדערן שטיב (פרק ה* או' יג). קומט אויס אַז ביי די פלעצער ווי דער פרוי פון דאָקטער איז ביים וואַרט זאַל איז נישטאָ קיין יחוד נישט אין דאָקטער'ס שטיב און נישט אין וואַרט זאַל, אויב ער איז אַ שומר תורה.

ח) ער זאָל גיין מיט נאָך אַ ערוואַקסענעם ערליכען מאַן (עי' פ"ג או' ו), [אָבער עפ"י מדת חסידות דאַרף מען מחמיר זיין, זעה פ"ג או' ח', אויב עס איז דאָ דאָרט נאָך אַ סיבה וועגן וואָס מען קען מקיל זיין, צום ביישפּיל

איינע פון די ווייטערדערמאַנטע אופנים, דאַמאָלטס איז קיין מדת חסידות אויך נישטאָ מחמיר צו זיין, (עי' פי"ב או' ג', וד' במראה מקום ותבין), דאָס מיינט אויב צוויי מענער זענען דאָרט מיט אַ קרובה צום ביישפּיל צוויי ברידער מיט אַ שוועסטער, אַ טאַטע מיט אַ זוהן מיט זיין טאָכטער, אַ זיידע מיט צוויי איינִיקלעך ברידער און שוועסטער, אַ זיידע מיט זיין טאָכטער און איר זוהן, אַ זיידע מיט זיין זוהן און דעם זוהן'ס טאָכטער, אַ מאַמע מיט צוויי זוהן, אָדער מיט איר ברידער און איר זוהן, אַ באָבע מיט צוויי איינִיקלעך ברידער'ס — אָדער שוועסטער'ס קינדער, אַ באָבע מיט אַ זוהן און איינִיקעל, אַ באָבע מיט איר ברידער און איר איינִיקעל, צוויי ברידערס און איינער נעמט מיט אַ טאָכטער, אָדער אַ איינִיקעל א.ד.ג. ביי יעדן פאַל ווי עס זענען דאָ צוויי מענער און איינע פון זיי נעמט מיט אַ מוטער, טאָכטער, שוועסטער, איינִיקעל איז נישטאָ קיין שום יחוד, (כיון דאיכא שני אנשים דמהני, ואף להמחמיר מ"מ איכא גם שמירת קרובים הללו עי' פ"א או' ח"י ותבין).

ט) ער זאָל מיטנעמען אַ קליינע מיידעל [שוועסטער, אָדער טאָכטער, אָדער איינִיקעל] וואָס פאַרשטייט שוין נאָכצודערציילן זאַכען וואָס זי זעהט, פון פינעף יאָר ביז צוועלעף, אויב זי איז עלטער פון צוועלעף יאָר מיז מען פרעגן אַ שאלה, (ועכשיו אבאר בעזה"י, הנה בפרק ד' הבאתי פלוגתת הפוסקים עד אימתי מהני שמירת קטנה אם עד בת ט או בת יב, עכ"פ לכו"ע בת יב כלתה שמירתה, ובסתם קטנה סתמתי בסמוך או' טז' דאם היא מט' עד יב יעשו שאלת חכם להכריע בפלוגתא הנ"ל, אבל כאן דמיירי בקרובתו דבלא"ה י"א דמהני שמירתה אפילו אם היא גדולה כמו שכתבתי פ"א או' ח"י א"כ אין להחמיר כאן כלל, אבל כ"ז עד יב שנה אבל ביותר מיב שנה לא נשאר רק התירא דקורבה ועדיין בספק עומדת, וצ"ע), אויב ער נעמט מיט אויסער דעם אַ מיידעל פון פינעף ביז צוועלעף יאָר אָדער אַ קליין יונגעל פון פינעף יאָר און העכער איז נישטאָ קיין יחוד, (והטעם דאיכא תרתי לטיבותא שמירת קרובו, בצירוף קטן מבן ה' עי' או' י' במ"מ ותבין).

י) ער קען מיטנעמען אַ קליין יונגעל וואָס פאַרשטייט נאָכצו־דערציילען וואָס ער זעהט דאָס מיינט פון פינעף יאָר אַן העכער, ווי אַלט דאָס קינד מעג זיין איז אַ מחלוקת, דערפאַר דאַרף מען פרעגן אַ שאלה (זעה פרק ד') אויב דאָס יונגעל איז שוין דרייצען יאָר דאַמאָלטס פירט מען זיך אַזוי ווי עס שטייט פריער או' ח'.

יא) אויב ער קען מיטנעמען אַ יונגעל פון ניין ביז דרייצען יאָר, און נאָך אַ יונגעל צווישען פינעף און ניין יאָר דאַרף מען נישט פרעגן קיין שאלה, (עי' פ"ד דבכה"ג יוצא לכמעט כל הפוסקים, ואף די"א דרק מבן שש מהני, וכן י"א רק מבן שבע, מ"מ יחידים הם, בפרט שדעת רוב רובן של הפוסקים מבן ט', ולדעת החת"ס מבן ה'), אויב איינע פון די דריי פרויען איז אַ טאָכטער, אָדער שוועסטער, אָדער מוטער, אָדער איינִיקעל, אָדער באָבע, פאַר אַ מאַן וואָס איז דאָרט איז

נישטאָ קיין יחוד, (דאיכא צירוף שמירת קרוב), אָדער אויב עס איז דאָ אויסער די דריי פרויען אַ יונגעל פון פינעף יאָר און העכער אפילו העכער דרייצען יאָר אָדער אַ מיידעל פון פינעף ביז צוועלעף איז נישטאָ קיין מדת חסידות מחמיר צו זיין, (עי' או' י' ואו' טז* דשם יש ספק וא"כ חזי לאיצטרופי להמתירין בג' נשים לבד, א"כ למותר להחמיר יותר בפרט ביחוד יותר מב' שאינו אלא מדרבנן כמבואר לעיל בשם חכמ"א וש"א, וד"ל).

יב) אָדער אַ יונגעל פון ניין ביז דרייצען יאָר, מיט אַ מיידעל פון פינעף ביז ניין יאָר, אָדער אַ יונגעל פון פינעף ביז ניין, מיט אַ מיידעל פון ניין ביז צוועלעף, (דבכל אחד יש פלוגתא אם מהני ובשניהם יחד שרי עמ"ש באו' יא).

יג) אויב מען נעמט מיט אַ מאַמע אָדער אַ באָבע איז די זעלבע הלכה ווי פריער או' ט, און ווייטער או' טו.

יד) ביי די אַלע אויבענדערמאַנטע אופנים דאַרף מען זיין צוזאַם מיט די מיטבאַגלייטערס סיי אין וואָרט זאַל פון דאָקטער, סיי אינעווייניג אין דאָקטער'ס שטיב ביים באַהאַנדלען, אויב אַ פרוי דרייט זיך אין דאָקטער'ס שטיב — זעה או' ד', אויב דער דאָקטער ערלויבט נישט אַז אַנדערע זאָלען זיין אינעווייניג, אָבער דער שטיב פון דאָקטער איז געהעריג אָפען צום וואָרט זאַל ווי די מיטבאַגלייטערס זענען און מען קען אַלעס געהעריג זעהן איז אויך געגוג [זעה או' ד'], אויב דער דאָקטער ערלויבט דאָס אויך נישט דאַמאַלטס מיז מען פרעגן אַ שאלה.

טו) נישט נאָר אויב מען נעמט אַליינס איינע פון די אויבענדערמאַנטע באַגלייטער אפילו אויב עס געפינט זיך אין וואָרט זאַל איינע פון די אויבענ־דערמאַנטעביישפילען פון שומרי תורה ומצות דאַרפען די אַנדרע צוגעקימענע אויך נישט חושש זיין וועגן יחוד אין וואָרט זאַל, און אין דאָקטער'ס שטיב אויך נישט, אויב דער טיר פון דאָקטער'ס שטיב איז אָפען צום וואָרט זאַל [אַזוי ווי פריער או' יד].

[די ווייטערדיגע ביישפילען שרייבען מיר נישט מיט אַ אויסדרוק פון אַ מיטבאַגלייטער ווייל דאָס איז ניט שייך ביי אַ מאַן, אָבער מכח די הלכה פון יחוד איז נישט קיין חילוק אויב זיי זענען געקומען אים באַגלייטען אָדער דאָרט געווען].

טז) אויב עס געפינט זיך אין וואָרט זאַל דריי פרויען זאַל מען פרעגן אַ שאלה אויב עס נוצט קעגן יחוד (עי' פרק ב*), אויב אויסערדעם איז דאָ צוויי מענער איז קיין שום יחוד נישט, [אפילו עפ"י מדת חסידות] (עי' היטב או' ח', וגם כאן יש היתר נוסף לב' אנשים, ג' נשים), דאָס זעלבע איז אויב עס איז דאָ דאָרט דריי קליינע פאַרשטענדליכע מיידלעך איז נישטאָ קיין מדת חסידות פון יחוד (עי' פרק ב* או' א' בסופו), אפילו צוויי איז אויך געגוג, (עי' דבר הלכה

סי׳ י׳ או׳ ה׳ דרוצה להתיר יחוד בב׳ קטנות לבד, כ״ש דבמקום ב׳ אנשים מתיר חומרת המחמירין).

טז*) אויב עס איז דאָ דאָרט אַ מאַמע מיט איר קליינע טאָכטער אין עלטער פון פינעף ביז ניין יאָר איז נישטאָ קיין יחוד, פון ניין ביז צוועלעף מיז מען פרעגן אַ שאלה, פון צוועלעף און העכער נוצט נישט (עי׳ פרק ד׳).

יז*) אויב עס איז דאָ צוויי פרוי׳ס פערזאָן פון צוועלעף און עלטער, מיט אַ קינד פון ניין ביז צוועלעף, זאָל מען פרעגן אַ שאלה, (דלעת הצורך יש לסמוך על הפוסקים בפרק ד׳ לעיל דמהני גם אז שמירת קטנה, וגם דאיכא ג׳ נשים).

יז**) אויב עס איז אַ שעת הדחק [געצווינגענע מצב], איז גרינג אויב עס איז דאָ דאָרט אַ פרויר מיט צוויי מיידלעך פון ניין ביז צוועלעף יאָר, (ראשית עי׳ לעיל בפ״ד די״א עד יב שנה מועיל שמירתה, וכדאים לסמוך עליהם אפי׳ שלא בשעת הדחק, מ״מ לא סתמתי להיתר, רק בשעהד״ח, וגם הוא מילתא דרבנן כיון דאיכא יותר מאשה אחת וכנ״ל ברמ״ק, וגם איכא ג׳ נשים).

יז) אויב אַ פרוי מיט איר שניר איז דאָרט איז נישט קיין יחוד (פרק ב׳).

יח) אויב אַ פרוי מיט איר שטיף טאָכטער איז דאָרט איז נישטאָ קיין יחוד (פרק ב׳).

יט) אויב אַ פרוי מיט איר שוועגערן איז דאָרט איז נישטאָ קיין יחוד, [שוועגערן באַדייט: איר מאַן׳ס ברידער׳ס פרוי — איר ברידער׳ס פרוי — איר מאַן׳ס שוועסטער], וועגן דאָקטער׳ס שטיב זעה או׳ ד*, טו.

כ) עס איז בעסער מען זאָל שטענדיג מיטנעמען באַגלייטער און זיך נישט פאַרלאָזען אַז אין וואָרט זאָל וועלן זיין די סאָרט מענטשען וואָס נעמען אַוועק דעם איסור יחוד — צוליב אַפּאָר טעמים„

1) סאַך מאָל טרעפט מען נישט מענטשן אין דעם וואָרט זאָל עס זאָל נישט זיין קיין יחוד [און מען דרייט זיך נישט אויס אַוועקצוגיין נאָר מען בלייבט דאָרט באיסור].

2) אפילו אויב מען טרעפט אין זאָל די וואָס דורך זיי איז שוין נישטאָ קיין יחוד, קענען זיי אינמיטען אַוועקגיין.

3) אַזוי ווי געוועגליך איז דער טיר פון דאָקטער צוגעמאַכט האָט מען שוין נישט קיין אַפּהיטונג קעגן יחוד אינעווייניג ביים דאָקטער.

4) געוועגליך איז זייער שווער בפרט פאַר אַ מאַן געוואָר צו ווערן אַלע איינצעלהייטען פון די וואָס זענען דאָרט אין וואָרט זאָל כדי עס זאָל נישט זיין קיין יחוד.

כא) דעריבער זאָל יעדער געוואָרענט זיין נישט צו גיין צו אַ דאָקטער נאָר מיט אַ באַגלייטער ווי מיר שרייבען פריער, און מיט יענעם אַריין גיין אין וואָרט זאָל, און נאָכדעם אינעווייניג צום דאָקטער.

כג) אויב מען האט נישט קיין איינס פין די אויבענדערמאנטע התירים זאל מען זיך דורכרעדן מיט א פארלעסליכען מורה הוראה.

**אלע היתרים פאר מענער וואס גייען צו דאקטוירים אין קורצען:**

(די איינגערינגעלטע אותיות סוף שורה ווייזט אויף די פלעצער
ווי עס ווערט גערעדט פין דעם ענין באריכות).

יחוד איז דא סיי ביים ווארט זאל — סיי ביים דאקטער'ס פריוואט שטיב, דארט ווי עס שטייט דעם אויסדרוק „ווארט זאל" רעדט פין היתר יחוד אין ווארט זאל — דער אויסדרוק „דער דאקטער'ס שטיב" רעדט פין יחוד פין דאקטער'ס שטיב.

א) א ווארט זאל ווי עס דרייען זיך אסאך מענטשען איז נישטא קיין יחוד (או' ב').

ב) א ווארט זאל וואס האט א אפענע טיר, אדער פרייע פענסטער צום גאס איז נישטא יחוד (או' ג').

ג) דער דאקטער'ס שטיב וואס איז אפען צו א ווארט זאל פין א סאך מענטשען (ד*).

ד) דער דאקטער'ס שטיב וואס האט אפענע טיר אדער פערסטערס צו די גאס (ד*).

[באמערקונג: אלע מענטשען און קינדער וואס ווערן דערמאנט ווייטער מתיר צו זיין יחוד מיינט נאר אזעלכע וואס היטען תורה און מצות, זעה פריער נאך א באמערקונג או' ה']

ה) דער ווארט זאל ווי עס געפינען זיך א מאן מיט זיין ווייב וואס היטען תורה און מצות (או' ו').

ו) דער דאקטער'ס שטיב וואס איז אפען צום ווארט זאל ווי עס געפינט זיך א מאן מיט זיין ווייב וואס היטען תורה ומצות (שם, ואו' ד*, ואו' טו), און אודאי אויב אין דאקטערס שטיב אליין זענען מאן און ווייב צוזאם.

ז) א דאקטער שומר תורה ומצות וואס זיין ווייב איז מיט אים, אדער אין זיין שטיב — אדער אין א זייטיגען שטיב, איז אין זיין שטיב נישטא קיין יחוד (או' ז').

ח) א ווארט זאל וואס דער פרוי פין דאקטער [שומר תורה ומצות] איז דארט, אדער עס איז אפען צו א שטיב ווי זי איז, אדער אויב זי איז אין איינע פין די שטיבער און דער ווארט זאל איז אפען צום דאקטער'ס שטיב, איז אין ווארט זאל נישטא קיין יחוד (או' ז').

ט) א ווארט זאל ווי עס זענען דא צוויי מענער [פין דרייצען און העכער] שומרי תורה (או' ח'), וועגן מדת חסידות זעה או' ח, יא, טז.

י) א דאקטערס שטיב ווי עס איז דא צוויי מענער, אדער אפען צום ווארט זאל ווי עס זענען דא צוויי מענער שומרי תורה (שם ואו' ד, טו).

יא) אַ װאָרט זאָל װי עס איז דאָ אַ אידיש מײדעל װאָס פאַרשטײט נאָכצודערצײלען װאָס זי זעהט אין עלטער פון פינעף ביז ניין יאָר.

יב) אַ דאָקטערס שטיב װי עס איז דאָ אַ מײדעל פון פינעף ביז ניין יאָר, אָדער עס איז אָפען צום װאָרט זאָל װי עס געפינט זיך אַזאַ מײדעל (או׳ טז*).

יג) אויב דאָס מײדעל איז אין עלטער פון צװעלעף יאָר און העכער נוצט נישט, צװישען ניין און צװעלעף מיז מען פרעגן אַ שאלה (שם).

יד) אויב עס איז דאָ צװײ ערװאַקסענע פרויען מיט אַ קינד פון ניין ביז צװעלעף זאָל מען פרעגן אַ שאלה (יז*) [אויב עס איז דאָ בלויז דרײ ערװאַקסענע פרויען, זעה װײטער או׳ כג].

טו) אויב עס איז דאָ אַ ענגע מצב איז געניג אויב עס איז דאָ אַ פרוי מיט צװײ מײדלעך פון ניין ביז צװעלעף יאָר (יז**).

די זעלבע הלכה איז ביים דאָקטערס שטיב, אָדער אויב עס איז אָפען צום װאָרט זאָל, װי די דאָזיגע מענטשען זענען דאָרט.

טז) דאָרט װי עס איז דאָ אַ פרוי מיט איר שניר אין װאָרט זאָל איז געניג (יז).

אין דאָקטער׳ס שטיב איז דאָס אויך געניג, אויב עס איז אָפען צו דעם װאָרט זאָל.

יז) אויב אַ פרוי מיט איר שטיף טאָכטער זענען אין װאָרט זאָל איז געניג (יח).

אין דאָקטער׳ס שטיב איז אויך געניג, אָדער אויב עס איז אָפען צום װאָרט זאָל.

יח) אויב אַ פרוי איז מיט איר שװעגערן אין װאָרט זאָל איז געניג (יט).

אין דאָקטער׳ס שטיב איז עס אויך געניג, אָדער אויב עס איז אָפען צום װאָרט זאָל.

יח*) אויב עס איז דאָ דאָרט אַ יונגעל צװישען פינעף און דרײצען יאָר זאָל מען פרעגן אַ שאלה (או׳ י) [זעה װײטער או׳ כא].

יט) אויב עס איז דאָ אין װאָרט זאָל אַ (אידיש) יונגעל פון ניין ביז דרײצען יאָר, און נאָך אַ יונגעל פון פינעף ביז ניין יאָר איז נישטאָ קיין יחוד (או׳ יא).

אין דאָקטער׳ס שטיב איז אויך דאָס זעלבע, אָדער אויב עס איז אָפען צום װאָרט זאָל.

כ) אויב עס איז דאָ אין װאָרט זאָל אַ יונגעל פון ניין ביז דרײצען יאָר מיט אַ מײדעל פון פינעף ביז ניין יאָר, אָדער אַ יונגעל פון פינעף ביז ניין יאָר מיט אַ מײדעל פון ניין ביז צװעלעף (או׳ יב).

אין דאָקטער׳ס שטיב איז די זעלבע, אָדער אויב עס איז אָפען צום וואָרט זאָל.

כא) אויב מען וויל מיטנעמען אַ קרובה, צום ביישפיל אַ טאָכטער, אָדער מוטער, אָדער שוועסטער, אָדער באָבע, אָדער אייניקל (מיידעל), זאָל מען פרעגן אַ שאלה (או׳ ט, יג), אויב מען נעמט אויסערדעם אַ יונגעל פין פינעף יאָר און העכער, אפילו עלטער פין דרייצען, אָדער אַ מיידעל פין פינעף ביז צוועלעף יאָר [עס מיז נישט זיין דוקא אַז מען נעמט זיי מיט, די זעלבע הלכה איז אויב מען טרעפט זיי דאָרט], איז נישטאָ קיין יחוד (או׳ ט׳) [זעה ווייטער או׳ כג, נאָך אַ היתר מיט אַ קרובה].

כב) אין דאָקטער׳ס שטיב איז די זעלבע הלכה, אָדער אויב עס איז אָפען צום וואָרט זאָל איז גענוג.

כג) אויב עס איז דאָ דריי ערוואַקסענע פרויען אין וואָרט זאָל דאַרף מען פרעגן אַ שאלה (או׳ טז), אָבער אויב עס איז דאָ מיט זיי אַ יונגעל פין פינעף און ווייטער, אָדער אַ מיידעל פין פינעף ביז צוועלעף איז נישטאָ קיין יחוד, (או׳ יא וכמו באו׳ ט׳, ע׳ לעיל או״ק כא), אָדער אויב איינע פין די דריי פרויען איז אַ מוטער, טאָכטער, שוועסטער, באָבע, אָדער אייניקעל, פאַר אַ מאַן וואָס געפינט זיך דאָרט (או׳ יא).

אין דאָקטער׳ס שטיב איז די זעלבע הלכה, אויב עס איז אָפען צום וואָרט זאָל.

כד) עס איז נישט קיין חילוק אויב מען נעמט אַליינס מיט די אויבענ־דערמאָנטע באַגלייטער, אָדער מען טרעפט זיי דאָרט, דער עיקר איז אַז זיי זאָלען זיין שומרי תורה ומצות, און אַז די באַגלייטערס מיזען זיין אין וואָרט זאָל און אין דאָקטער׳ס שטיב, אָדער דער טיר פין דאָקטער איז אָפען צום וואָרט זאָל ווי עס זענען דאָ די מענטשען וואָס פאַרהיטען פין יחוד (או׳ יד, טו), עס איז בעסער זיך נישט צו פאַרלאָזען אַז אין וואָרט זאָל וועלען זיין די מענטשען וואָס פעלט אויס קעגן יחוד, נאָר נעמען באַגלייטערס, [זעה או׳ כ׳ די טעמים].

כה) אויב מען האָט נישט איינע פין די אויבענדערמאָנטע התירים, אַזוי אויך די אַלע פלעצער ווי מיר שרייבען אַז מען זאָל פרעגן אַ שאלה זאָל מען פרעגן אַ פאַרלעסליכען מורה הוראה.

כו) די אַלע אויבענדערמאָנטע התירים זענען זעלבסטפאַרשטענדליך אויך גילטיג אויב אַ מאַן גייט צו אַ פרוי דאָקטערין, אָבער דאָרט איז דאָ גרעסערע שאלות אויב אַ מאַן מעג זיך לאָזען באַהאַנדלען דורך אַ פרוי, וואָס לויט די פוסקים זעהט אויס אַז נישט [זעה ווייטער], דאָס זעלבע אויב ער מעג זיך לאָזען באַהאַנדלען און אַנרירען דורך אַ נויר״ס, דעריבער

דאַרף מען זיך אָפּהאַלטען דערפון מיטן גאַנצען כח, אויב עס איז אַ פאַל ווי מען האָט נישט קיין ברירה זאָל מען פרעגן אַ שאלה.

אויפמערקזאַם: מיר זענען איבערצייגט געוואָרען פערזענליך ביי דאָקטוירים דאָס זיי האָבען אויפן פאַרלאַנג פון פאַציענט נאָכגעגעבן אַז בלויז דער דאָקטער זאָל באַהאַנדלען נישט דער פרוי (נויר״ס), מיטן גרעסטן כבוד, מיר מיזען באַמערקען דאָס מיר האָבען אַליין געהערט ביי אַ געוויסען דענטיס״ט (צאָן דאָקטער) וואָס האָט מיט ווינדער געפרעגט וויאַזוי דאָס קען טאַקע זיין אַז עס קומען צו אים חשובע אידען און פאַרלאַנגען דאָס נישט, אויב דאָס איז דער ריכטיגער וועג עפ״י התורה??

**פרויען ביי דאָקטוירים:**

(מקום שנסמן כזה „או״ק" הכוונה להאות שבקיצור הלכות לעיל באות כג).

כו) די קומענדיגע הלכות זענען גילטיג סיי פאַר מיידלעך, סיי פאַר פרויען ווען זיי גייען צו דאָקטוירים אפילו אויב זיי גייען צו אַ דאָקטערין, דאָס מיינט אַז אַ פרוי דאָקטער באַהאַנדעלט זיי, פינדעסטוועגן קען זייער לייכט זיין יחוד אויב עס דרייען זיך מענער העלפערס, אָדער אויב אין וואַרט זאָל זענען דאָ מענער אויך [אפילו אויב זיי זענען בלויז גוים], א.ד.ג. דעריבער דאַרף מען שטענדיג אַכטונג געבן מען זאָל וויסען אַז מען ווערט ח״ו נישט געשטרויכעלט אין איסור יחוד.

זעלבסטפאַרשטענדליך אַז די אַלע התירים וואָס מיר ציטירען ווייטער רעדן ביי דעם פאַל ווען עס איז דאָ מענער אין וואַרט זאָל אָדער ביים דאָקטער אינעווייניג, ווייל דאָרט ווי עס זענען דאָ נאָר פרויען איז נישט שייך קיין יחוד און עס פאַרלאַנגט זיך נישט קיין היתר.

**די פאָלגענדע זענען התירים וואָס דאָרט**
**איז נישטאָ דער איסור יחוד**

כז) אויב אין וואַרט זאַל איז שטענדיג דאָ אַ פאַרקער פון מערערע מענטשען.וואָס גייען און קומען איז נישטאָ קיין יחוד (עי' לעיל או' ב' ואו״ק ב'), [טייל וואַרט זאַלען איז יאָ דאָ יחוד, זעה או' ג'], אויב אין וואַרט זאַל דרייען זיך נאָר פרויען [וואָס איז אַ זעלטענע זאַך] דאַרף מען פרעגן אַ שאלה.

כח) אַ דאָקטער'ס שטיב וואָס איז אָפען צו אַזאַ וואַרט זאַל [ווי או' כז] (או' ד* או״ק ג).

כט) אויב די וואַרט זאַל האָט אָפענע טיר אָדער פענסטער צו אַ גאַס ווי עס דרייען זיך מענטשען (או' ג, או״ק ב).

ל) אַ דאָקטער שטיב וואָס האָט אָפענע טיר אָדער פענסטער צו אַ גאַס ווי עס דרייען זיך מענטשען (או' ד* או״ק ד).

[באַמערקונג: אַלע מענטשעז אָדער קינדער וואָס ווערן דערמאָנט ווייטער וועגן היתר יחוד מיינט אויסשליסלעך נאָר אַזעלכע וואָס היטעז תורה און מצות, ווען עס שטייט דאָס לשון „אויב עס איז דאָ דאָרט דריי פרויעז" אָדער עהנליך, מיינט דאָס אַריינגערעכנט אויך דעם וואָס באַזוכט יעצט דעם דאָקטער, און עס מיז נישט זיין צוויי אויסער איר].

לא) אַ וואַרט זאַל ווי עס געפינט זיך אַ מאַן און ווייב וואָס היטעז תורה און מצות (או׳ ו או״ק ה).

לב) אַ דאָקטער׳ס שטיב וואָס עס געפינט זיך דערין אַ מאַן און ווייב וואָס היטעז תורה ומצות, אָדער עס איז אָפען צו אַזאַ סאָרט וואַרט זאַל (או׳ ו, ד*, טו, או״ק טו).

לג) אַ דאָקטער שומר תורה ומצות וואָס זיין ווייב איז אין וואַרט זאַל איז נישטאָ קיין יחוד נישט ביים דאָקטער׳ס שטיב און נישט אין וואַרט זאַל (או׳ ז, או״ק ז, ח), אויב זי איז נישט אין וואַרט זאַל נאָר אין איינע פין די אַנדערע שטיבלעך איז אויך נישטאָ אין דאָקטער׳ס שטיב קיין איסור יחוד, אפילו מען איז מיט אים אַליינס און דער טיר איז פאַרמאַכט (שם).

לד) אַ וואַרט זאַל וואָס איז אָפען צום דאָקטערס שטיב [ווען זיין פרוי געפינט זיך אין איינע פין די שטיבלעך דאָרט], אָדער עס איז אָפען צו זיין פרוי׳ס שטיב, און אודאי אויב זי זיצט אין וואַרט זאַל איז נישטאָ אין וואַרט זאַל קיין יחוד (שם).

לה) אַ וואַרט זאַל ווי עס געפינעז זיך צוויי מענער פין דרייצעז און העכער, דאָס זעלבע אַ דאָקטער׳ס שטיב ווי עס איז דאָ צוויי מענער, אָדער עס איז אָפען צום וואַרט זאַל איז נישטאָ קיין יחוד (או׳ ד*, ח, טו, או״ק י), [וועגן מדת חסידות זעה או׳ ח, יא, טז].

לו) אַ וואַרט זאַל ווי עס איז דאָ אַ מיידעל וואָס פאַרשטייט נאָכצו־דערציילען וואָס זי זעהט אין עלטער פין פינעף ביז ניין יאָר, און דאָס זעלבע אַ דאָקטער׳ס שטיב ווי עס געפינט זיך אַזאַ מיידעל, אָדער עס איז אָפען צום וואַרט זאַל ווי עס איז דאָ דאָרט אַזאַ מיידעל (או׳ טז*, או״ק יב).

אויב דאָס מיידעל איז צווישען ניין און צוועלעף יאָר מיז מען פרעגן אַ שאלה, פין צוועלעף און העכער איז גאָר נישט ווערט (שם, ואו״ק יג), [זעה ווייטער או׳ לח התירים פין פינעף ביז צוועלעף].

לז) אויב עס איז דאָ צוויי ערוואַקסענע פרויען מיט אַ קינד פין ניין ביז צוועלעף דאַרף מען פרעגן אַ שאלה, סיי ביים וואַרט זאַל, סיי אין דאָקטער׳ס שטיב, סיי אויב דעם דאָקטער׳ס שטיב איז אָפען צום וואַרט זאַל (יז* או״ק יד).

לח) אויב עס איז דאָ דריי ערוואַקסענע פרויען אין וואַרט זאַל, דאָס זעלבע אין דאָקטער׳ס שטיב, אָדער אויב דער דאָקטער׳ס שטיב איז אָפען

צום ווארט זאל, זאל מען פרעגן א שאלה (אר' טז אר"ק כג), אויב עס איז דא מיט זיי א יונגעל פין פינעף יאר אלט און עלטער, אדער א מיידעל פין פינעף ביז צוועלעף איז כשר אהנע שאלה (יא, אר"ק כג).

אויב איינער פין די פרויען איז א מוטער, אדער טאכטער, אדער שוועסטער, אדער באבע, אדער אייניקעל, פאר איינע פין די מענער וואס זענען דארט, איז אויך כשר אהנע שאלה (שם).

[די וייטערדיגע ביישפילען וועלן מיר שרייבען בקיצור ווען עס איז כשר, און אויך ווען עס איז א שאלה, אהן דעם וואס מיר זאלען יעדעס מאל איבערשרייבען אז די זעלבע הלכה איז סייביים דאקטער'ס זאל סיי ביים ווארט זאל. דעריבער זאל מען געדענקען אז מיר מיינען אלעביידע, עס זאל אזוי זיין אין ווארט זאל, און אויך אין דאקטער'ס שטיב, עס איז אויך גענוג אויב דער דאקטער'ס שטיב איז אפען צום ווארט זאל.]

לט) אויב עס איז א שווערע מצב איז גענוג א פרוי מיט צוויי מיידלעך פין נייז ביז צוועלעף יאר (יז**, אר"ק טו).

מ) א פרוי מיט איר שניר צוזאם איז גענוג (יז, אר"ק טז).

מא) א פרוי מיט איר שטיף טאכטער צוזאם איז גענוג (יח, אר"ק יז).

מב) א פרוי מיט איר שוועגערין [אלע סארט שוועגערין'ס וואס איז פארהאנען] איז גענוג, (יט, אר"ק יח).

מג) א יונגעל פין ניין ביז דרייצען יאר, צוזאם מיט א יונגעל פין פינעף ביז ניין יאר איז נישטא קיין יחוד (אר' יא, אר"ק יט), אבער בלויז איין יונגעל צווישען פינעף און דרייצען יאר זאל מען פרעגן א שאלה (אר' י, אר"ק יח*), [זעה פריער אר' כג, און אר' לח' ווען עס איז גיט אהנע שאלה].

מד) א יונגעל פין ניין ביז דרייצען יאר מיט א מיידעל פין פינעף ביז ניין יאר איז גיט (אר' יב, אר"ק כ).

מה) א יונגעל פין פינעף ביז ניין יאר מיט א מיידעל פין ניין ביז צוועלעף איז גיט (אר' יב אר"ק כ). ווארט זאל

כו) אויב עס איז דא א פרוי דארט וואס איז א מוטער, אדער טאכטער, אדער שוועסטער, אדער באבע, אדער אייניקעל, פאר איינע פון די מענער וואס זענען דארט זאל מען פרעגן א שאלה (אר' ט, יג, אר"ק כא).

אויב עס איז דא אויסער די פרוי נאך צוויי פרויען צוזאם דריי פרויען, אדער עס איז דא א יונגעל פין פינעף יאר און העכער אפילו עלטער פין דרייצען, אדער א מיידעל פין פינעף ביז צוועלעף יאר, איז נישטא קיין יחוד (ט, אר"ק כא, כג), [זעה פריער אר' לח].

מז) די אלע אויבענדערמאנטע ביישפילען זענען גילטיג סיי אויב מען נעמט אליינס מיט די באגלייטער, אדער מען טרעפט זיי דארט, די פרוי באזוכער וואס גייט צום דאקטער ווערט אויך אריינגענימען אין חשבון, צום

ביישפיל דאָרט ווי דער היתר איז ווייל אַ פרוי מיט איר שוועגערן אָדער שוויגער זענען דאָרט, אָדער ווייל דריי פרויען זענען דאָרט ווערט די באַזוכער אויך אין חשבון גענומען.

עס איז אָבער פיל בעסער מיטצינעמען אַליינס באַגלייטער, און זיך נישט פאַרלאָזען אַז מען וועט מסתמא טרעפן אין וואָרט זאָל [זעה או׳ כ׳ די טעמים].

מח) אויב מען האָט נישט קיין איינס פון די אויבענדערמאָנטע התירים, אַזוי אויך די אַלע פלעצער ווי מיר שרייבען מען זאָל פרעגן אַ שאלה, זאָל מען פרעגן אַ פאַרלעסליכען מורה הוראה.

מט) אויסער דער שאלה פון יחוד איז אויך בעסער צוליב אַסאַך טעמים אַז אַ פרוי זאָל זיכען ווי ווייט מעגליך צו ניצען אַ פרוי דאָקטערין פאַר אירע געברויכען [זעה אויספירלעך ווייטער].